STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04902

HUMOR, SATIRE, KIBETS

Eliyahu Hutner

Permanent preservation of this book was made possible
by A.W. Goodman
in memory of
Betty Posman Goodman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הומאָר, סאַטירע, קיבוץ

דורגעפלאָכטען מיט מאמרי חז״ל.

דאס אידישע פאלק איז דאס הארץ
פון דער מענשהייט, און אז די אידען
ליידען מער פון אלע, פונקט ווי דאס
הארץ ליידעט מער פון די אנדערע
גלידער. (כוזרי).

ישראל איז אַ ביישפּיל פון אויסדויער
פון אַן אומשטערבליך פּאָלק.

ארויסגעגעבען פון **רעוו. אליהו הוטנער**

מחבר פון פאלגענדע ספרים:

א) אין וואס באַשטייט דאס גליק פון אונזער אידישען פאלק.
ב) משיח בן דוד. ג) נפילים. ד) התועים.
ה) פראַכטפולע רעדעס.
ו) אנעקדאטען און פאלקס־מעשיות, פון אייביגען קוואל.
ז) טראַדיציאָנעלע אידישקייט און מאדערנער יודאאיזם.
ח) וואס איז פארט אַ איד און ווי דערקענט מען איהם.
ט) דעת ותורה — חסידי אומות העולם.
י) געקליבענע פערל פון „פרקי אבות״.
יא) הומאר, סאטירע און קיבוץ, דורכגעפלאכטען מיט מאמרי חז״ל.

מאָנטרעאַל, קאַנאַדע.

HUMOR, SATIRE AND KIBUTZ

PRINTED IN CANADA

נאכדרוק פאַרבאָטען.

אינהאַלט פאַרצייכעניש:

קאַפּיטעל	זייט
אַ גוט שפּיצעל	5
ס'איז גאַנץ נאַטירליך	5
דער איידים אויף קעסט	6
שוין גלייכער אַ רב	6
אַריינגעזאָגט	7
אַזוי איז שוין רעכט	7
דער „משיח"	8
דער גלוח	8
דער גוטער שליח	9
אַ גוט וואָרט פון קעלעמער מגיד	9
דער אויטאָמאָביל	9
ער קריוודעט ניט	9
אַ פּאַרסעל מוז האָבען מאַרקעס	10
דער דבר אחר	10
די ריכטיגע סחורה	10
ניט געמאַכט קיין ברכה	11
געלט איז בלאָטע	11
אַ שמועס פון צוויי בטלנים, און אַנדערע	12
ריש, לקיש, און רבי יוחנן — (בבא מציעא פ"ד).	36
אַ בינטעל דרשות אויף אידישע שמחות	42
דרשה לברית מילה	47
דרוש לפרשת „שקלים"	49
רבי יהודה הלוי	54
ציון	55
דער משיח אידעאַל פון די גדולים	56
(רש"י, רבי יהודה הלוי, רמב"ם, רמב"ן)	57
די דעקלאַראַציע וועגען גרינדונג פון מדינת ישראל	60

אַ גוט שפּיצעל.

אַ חזן האָט אַמאָל ביי אַ באַלעבאָס אָפּגעדונגען אַ זאַל פאַר אַ קאָנצערט. נאָכ׳ן קאָנצערט האָט דער באַלעבאָס דערלאַנגט דעם חזן אַ „ביל״ צו באַצאָלען פאַר׳ן זאַל. אָבער דער חזן, ניט האָבענדיג קיין חשק צו שיידען זיך מיט׳ן ביסעל מזומן, וואָס דער קאָנצערט האָט אים אַריינגעבראַכט, רופט זיך אָן צום באַלעבאָס:

— ווייסט איר וואָס ? אַזוי ווי, אַז כ׳וועל אייך אָוועקגעבען מיין געלט, וועל איך בלייבען ביי גאָרנישט, וועל איך אייך גלייך אָפּזינגען פאַר׳ן געלט. און אויב מיין זינגען וועט אייך געפעלען, זאָל איך אייך ניט דאַרפען צאָלען פאַר׳ן זאַל.

דער באַלעבאָס האָט מסכים געווען. און דער חזן האָט גלייך געזונגען אייניגע תפילות. נאָר דער באַלעבאָס האָט געדרעהט מיט׳ן קאָפּ, אַז ס׳געפעלט אים ניט. דאָס אייניגע איז געווען ווען דער חזן האָט פאַר אים געזונגען עטליכע פאָלקס־לידער. איז זיך מישב דער חזן און זינגט מיט אַ ניגון:

„אוי, חזן, דו האָסט דאָך
געדונגען אַ האַל,
טאָ זיי ניט קיין חזיר און
באַצאָל״!

דער באַלעבאָס שפּרינגט אויף און שרייט: — זעהט איר, דאָס לידעל געפעלט מיר!

— אויב עס געפעלט אייך, — רופט אויס דער חזן, — איז לויט אונזער אָפּמאַך, קומט אייך גאָרנישט . . .

* * *

ס׳איז גאַנץ נאַטירליך.

מען דערציילט וועגען ר׳ ישעיה׳לע פּראַגער, אַז ער האָט געהאַט אַ ווייב אַ ארורה, וואָס פלעגט אים זידלען און שעלטען אפילו פאַר די אויגען פון זיינע תלמידים און מקורבים. אָבער ער האָט קיינמאָל ניט געענטפערט. איז איינמאָל, ווען זי האָט אויף אים געדונערט מיט קללות און באַליידיגונגען, און ער האָט אַלץ געשוויגען, איז זי נאָך מער בייז געוואָרען און האָט געכאַפּט אַ גלאָז וואַסער און עס אויסגעגאָסען אויף זיין קאָפּ.

אָבער ער האָט אַלץ גאָרניט געזאָגט.

פרעגען אים זיינע תלמידים:

— רבי, ווי קענט איר אויך אויף דעם שווייגען?

— וואס איז עס ביי אייך אזא חידוש? — האט ער געענטפערט מיט א שמייכל — אז פריער האט געדונערט, האט דערנאך געמוזט קומען א רעגען . . .

*   *   *

דער איידים אויף קעסט.

אז איידעם האט אמאל גערופען זיין שווער, א ישובניק, צו א דין תורה.

— רבי, — האט ער גע׳טענה׳ט, — מיין שווער האט מיר צוגעזאגט צען יאר קעסט בכבוד, אבי איך זאל זיצען און לערנען, און איצט גיט ער מיר קעסט קוים מיין נשמה צו דערהאלטען, אזוי, אז איך פאל פון מיינע כוחות. וואלט ער מיר כאטש געגעבען די טויזענט רובעל נדן, וואס ער האט מיר צוגעזאגט, וואלט איך מיר געזוכט פרנסה.

— פארוואס, — פרעגט דער רב דעם שווער, — האלט איר ניט אייער צוזאג?

— וואס הייסט שלעכטע קעסט? — מאכט דער שווער, — זאגט נאר, רבי לעב׳ן, איז אפשר געבראטענע קאטשקע שלעכט? צי אזוי א פערטעל עוף, אדער אינדיק־פלייש? צי פרישע בולקע מיט פוטער, אדער א פיינער קוכען מיט איינגעמאכטס? זענען די אלע זאכען דען ניט א מחיה צו עסען, הא?

— נו, — זאגט שוין דער רב צום איידים, — דער שווער רעכענט דאך אויס גאלע גוטע עסענס און דו באקלאגסט זיך נאך?

— יא — ענטפערט דער איידעם, — די אלע מאכלים זענען טאקע גוט און געשמאק, אבער ער האט עס דען מיר אמאל געגעבען? . . .

*   *   *

שוין גלייבער א רב.

אין א שטעטעל אין דער אלטער היים איז געווען א איד, וואס האט פון זיין בן־יחיד געוואלט מאכען א רב, אבער דער בחור האט בשום אופ׳ן ניט געוואלט. ער האט גע׳טענה׳ט, אז אפילו אין פרק שטייט: „ושנא את הרבנות״. מען זאל פיינט האבען דאס רבנות, ווייל צו זיין א רב מוז מען חנפ׳ענען די באלעבאטים.

— וואס - זשע דען ווילסטו זיין? פרעגט דער פאטער.

— איך וויל נאר זיין א בעדער — האט דער זון געענטפערט.

הערענדיג אט דעם באשלוס פון זיין בן־יחיד, האט דער איד אזש אויפגעציטערט, נאר וויסענדיג, אז זיין זוהן איז א גרויסער עקשן, האט ער

געשוויגען, נאָך דעם נאָענטסטען פרייטאָג האָט ער דעם זון מיטגענומען אין מרחץ אַריין. דאָרטען האָט ער זיין זון געוויזען, אַז ווי ס׳איז אַריינגע־קומען דער גביר פון׳ם שטעטעל, האָט אים דער בעדער שטאַרק גע׳חנפ׳עט, אים געגעבען אַ פיין בעזימעל, אַ שטיק זייף, אַ ליילעך און צוויי האַנטוכער. אָבער ווען אַ איד אַן אָרעמאַן האָט ביים בעדער געבעטען די זעלבע זאַכען, האָט דער בעדער געענטפערט:

— וואָס ? פאַר דיינע 10 קאָפּיקעס זאָל איך דיר געבען אַלץ וואָס איך גיב דעם גביר, וואָס צאָלט מיר אַ גאַנצען רובעל ? . . .

— זעסטו שוין, מיין קינד — זאָגט דער פאָטער — ווי אַ בעדער מוז זיך אויך חנפ׳ענען, איז אויב אַזוי איז דאָך שוין גלייכער צו זיין אַ רב ! . . .

* * *

אַריינגעזאָגט.

אַז אַלטער פאַרמעגליכער בחור האָט זיך געלאָזט רעדען אַ שידוך, אָבער וויפיל מיידלאַך דער שדכן האָט אים גע׳שדכנ׳ט, איז אים אַלץ ניט געפעלען. אַז דער שדכן האָט אים ענדליך גערעדט אַ מיידעל, אַ זעלטען שיין, קלוג און געבילדעט, און דער בחור האָט זי אויך ניט געוואָלט, ווייל זי האָט ניט געהאַט גענוג נדן פאַר אים. האָט דער שדכן פילענדיג, אַז ער וועט שוין ביי אים קיין פאַרדינסט נישט מאַכען, צו אים אַזוי געזאָגט:

— ווי איך זעה, ביסטו טאַקע זעהר גערעכט, וואָס דו ווילסט נישט די כלה. ס׳איז דאָך היינט אַזאַ יקרות, אַז אַ פערד וואָס פלעגט קאָסטען 50 דאָלער, קאָסט היינט 150 דאָלער; אַ חזיר, וואָס פלעגט קאָסטען 20 דאָלער, קאָסט איצט 60 דאָלער; אַ בחור, וואָס פלעגט נעמען 200 דאָלער נדן, נעמט היינט 2000 (צוויי טויזענט) דאָלער. היינט, אַז דו ביזט אי אַ פערד, אי אַ חזיר און אַן אַלטער בחור דערצו, איז טאַקע ניט אַפּצושאַצען וויפיל נדן דו ביזט ווערטה . . .

* * *

אַזוי איז שוין רעכט.

— ר׳ שאַיע: — זאָגט מיר, ר׳ שמאַיע, ס׳איז מיר עפּעס קשה. דער פרק הויבט זיך אַן מיט די ווערטער „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא״, איז מיר אַ חידוש פאַרוואָס זאָגט ער, אַז נאָר „ישראל״ האָט אַ חלק אויף יענער וועלט, נו, און אַ כהן אָדער אַ לוי האָבען דען ניט קיין חלק אין עולם הבא ?

— ר׳ שמאַיע: — ווער זאָגט עס דען ? אַדרבא, עס שטייט דאָך בפירוש „כל ישראל, און „כל״ איז די ראשי תבות פון כהן און לוי . . .

דער „משיח“.

דער ווילנער גאון האט אפגעריכט גלות גייענדיג פון שטעטעל צו שטעטעל. איינמאל גייענדיג אזוי אויפ׳ן וועג מיט זיין פעקעל נויטיגע חפצים, שטעלט זיך לעבען אים אפ א בעל־עגלה מיט זיין וואגען. מיט א בויד און מיט א ווייס פערדעל, און זאגט צו אים:

— פעטער, כאפט זיך ארויף אויף די קאזלעס און מיר פארען אינ־איינעם; אזוי ווי איך בין שטארק מיד, וועל איך זיך לייגען אונטער׳ן בויד כאפען א דרימעל, און איר דארפט בלויז האלטען די לייצעס, דאס פערדעל ווייס שוין אליין ווי אריינצופארען אין שטעטל און אפשטעלען זיך לעבען שוהל.

האט זיך דער גאון געזעצט פארענט און געהאלטען די לייצעס, בעת דער בעל עגלה איז געשמאק געשלאפען. ווען דער וואגען האט זיך אפגעשטעלט לעבען דער שוהל, קומט ארויס א איד, און דערקענענדיג דעם ווילנער גאון, לויפט ער צוריק אריין אין שוהל און שרייט אויס:

— אידען! דער הייליגער ווילנער גאון איז דא, און ניט אנדערש ווי ער האט געבראכט משיח׳ן. והראיה, ער איז געקומען מיט א ווייס פערדעל!
דער עולם קומט ארויס און שרייט: — רבי, גיט אונז ארויס משיח׳ן!

— וואס פאר א משיח׳ן? — פרעגט דער גאון.

— אט, — שרייען זיי, — וואס איז ביי אייך אין בויד!

פון דעם געשריי האט זיך דער בעל־עגלה אויפגעכאפט און די אידען האבען זיך שטארק צעלאכט . . .

* * *

דער גלות.

א מיידעל פון ארטאדאקסישע עלטערען האט געפירט א ליבע מיט א פריידענקער. דער פאטער איז געווען קעגען דעם שדוך, ווייל דער חתן ראזירט זיך. נאר ווען דער חתן האט צוגעזאגט, אז אנשטאט ראזירען זיך וועט ער ניצען אן עלעקטריק מאשינקע, דאן האט דער פאטער מסכים געווען אויפ׳ן שידוך. אין א קורצער צייט ארום נאך דער חתונה, באמערקט דער מחותן, אז די בארד פון זיין איידים קוקט אויס פארט ווי געגאלט. האט דער מחותן אנגעהייבען צו היטען דעם איידים . . . און געכאפט אים ביי דער מעשה . . .

— דער שווער: — געוואלד, וואס טוסטו, גזלן, דו ראזירסט זיך גאר, דאס איז דיין צוזאג?

— דער איידים: — שווער, איך בין געבארען געווארען אהן א בארד און וועל שטארבן אהן א בארד.

— אזוי גאר, תכשיט מיינער, דו ביזט דאך געבארען געווארען אהן ציינער אויך — בייזערט זיך דער שווער.

— אט אזוי, שווער, טא שרייט זשע אויף די ציינער, וואס זשע שרייט איר אויף דער בארד ? . . .

* * *

דער גוטער שליח.

אז ארטאדאקסישער איד, אן ארויפגעארבייטער סוחר שיקט ערב פסח צום רב פון זיין שוהל דעם חמץ דורך זיין דא געבארענעם אינגעל. אזוי ווי דאס אינגעל האט געוואוסט, אז דער רב פארשטייט ניט קיין ענגליש, האט ער צו אים געזאגט אויף זיין אייגענעם אידיש:

— פאפא גיט דיר דעם קאמעץ (חמץ) — דו ברען . . .

* * *

א גוט ווארט פון קעלעמער מגיד.

א איד איז געקומען הערען דעם קעלעמער מגיד. די דרשות איז גע־פעלען געווען. אבער אלע שבת די זעלבע דרשות, די זעלבע מוסר. — האט ער דורכגעלאזען עטליכע שבתים.

אין א פאר וואכען ארום איז ווידער געקומען ווייטער די זעלבע מוסר . . . פרעגט ער אים: רק איהר זאגט די זעלבע מוסר, ניטא קיין שום נייעס . . . זאגט דער קעלעמער, אז עס איז דא די זעלבע עברות פון פאראיאהרען, מען האט נאך ניט מחזר למוטב געווען . . . מוז מען זאגען די זעלבע מוסר . . .

* * *

דער אויטאמאביל

בעת דעם ערשטען מאל איז אין א קליין שטעטעל אריינגעפארען אן אויטאמאביל. האבען די פריצים זיך געוואונדערט: וואו זיינען די פערד, וואס פיהרען דעם אויטאמאביל ? האט מען זיי געענטפערט: די פערד זיינען אין אויטאמאביל . . .

* * *

ער קריוודעט ניט.

איינער א איד האט געגעסען דינער א גוטע הון, איז אריין זיינער א גוטער ברודער, זאגט ער אים: נא דיר א שטיקעל טשיקען; זאגט ער: ווארום האסטו אפגעשניטען פאר מיר אזא קליינעם חלק, ווען איך וואלט עסען, וואלט איך דיר געגעבען דעם גרויסען חלק און מיר דעם קליינעם.

— נו, זאגט דער צווייטער, איז דאך איצט אזוי ווי דו זאגסט, אויף דיין חלק דער קלײנער שטיקעל עוף.

* * *

א פארסעל מוז האבען מארקעס.

איך האב אפגעטראגען א פארסעל אויף פאסט, זאגט צו מיר דער מאן, וועלכער האט עס אפגעוואויגען, אז דער פארסעל, איז צו שווער. מען דארף האבען נאך א מארקע. זאג איך, אז איך וועל דערלייגען נאך א מארקע וועט דאך דער פארסעל זיין שווערער. עס האט ניט געהאלפען, געמוזט דערלייגען. אזוי איז מיט אונזערע תפלות, מען זאגט און מען זאגט, עס ווערט א שווערער פעקעל, און מען וועט נאך זאגען הושענא רבה, וועט דאך דער פעקעל תפלות ווערען נאך שווערער . . . נאר, אז מיר ווילען אז דער פעקעל תפלות זאל אוועקגיין צום פונקט, מוזען מיר הושענא רבה ארויף קלעפען א סטעמפ, און דאן וועלען מיר אויסבעטען א גוטען יאהר.

* * *

דער דבר אחר.

— דער אנטיסעמיט: זאגט מיר, ר' איד, פארוואס האבען אידען אזוי אזוי פיינט חזיר?

— דער איד: פארשטייט איהר מיך, אויסער וואס דער חזיר איז אזא טריפה חיה, קריכט ער נאר שטענדיג אין אידישען גארטען, און מאכט אן דארט'ן שאדען . . . אנטיסעמיטען זיינען עקעלהאפטע ווערים, וואס לעבען אין שמוץ און פארפוילטקייט.

* * *

מיט וואס דער מענש שיידט זיך אפ פון א בהמה?

— מיט וואס?

— מיט'ן שכל און לשון. —

* * *

די ריכטיגע סחורה.

מיט יאהרען צוריק איז צו א פאמיליע אין ניו יארק אנגעקומען א קרוב פון אייראפע. האבען זיי דעם גרינעם געגעבען אן עצה, ער זאל ארומגעהן מיט א פעקעל פארשיידענע סחורות, פעדלען אין די הייזער. נאכדעם, ווי ער האט א גאנצען טאג געקלאפט אין די טירען און איז א

פארמאטערטער אהיים געקומען, האבען די אייגענע אים געפרעגט, צו ער האט געמאכט גוטע געשעפטען.

— ניין, — ענטפערט דער גרינער, — ווען איך זאל געווען האבען די ריכטיקע סחורה, וואלט איך געווען געלייזט א סך געלט.

— וואס פאר א סחורה? פרעגען זיי אים.

— כ'וויס? — מאכט דער גרינער — עפעס אזא סחורה וואס זיי האבען אלע אנגערופען „נאטינג טו דעי".

* * *

ניט געמאכט קיין ברכה.

א גרינעם אידען מיט א הדרת פנים — נאר א גרויסער עם־הארץ — האט א גבאי פון ועד הכשרות אוועגעשיקט ערב פסח אויף א פארם, אז ער זאל אכטונג געבען, אז די מילך, וואס מען מעלקט, זאל זיין כשר לפסח. ער האט אים אויך געלערענט ווי ער זאל זיך נוהג זיין.

נאך פסח איז ער געקומען צום גבאי אפגעבען א באריכט, אז ער האט אלץ געהאלטען כשר לפסח.

— שמעיה, — פרעגט אים דער גבאי, האסטו כאטש דארט געהאט גענוג מצה און וויין אויף פסח?

— יא, גבאי, האט שמעיה געענטפערט.

— געהאט נאך צופיל וויין, ביי זיי זיינען געשטאנען גאנצע פעסער מיט וויין, און איך האב געטרונקען וויפיל כ'האב נאר אליין געוואלט.

— סטייטש, שמעיה, — וואונדערט זיך דער גבאי, — גוי'ישער וויין איז דאך „יין נסך"! מען טאר דאך אפילו נישט מאכען קיין ברכה אויף איהם.

— יא, גבאי! איך וויס, — האט שמעיה געשאקעלט מיט'ן קאפ. — איך האב ניט געמאכט קיין ברכה, חלילה, כ'האב געטרונקען אהן א ברכה.

* * *

געלט איז בלאטע.

ביי אונז אין אלד־קאנטרי זיינען געווען „פעכאטנע מגידים", אזוי האט מען זיי גערופען, ווייל זיי פלעגען ארומרייזען פילע שטעדט און דרשנען אין די שוהלען פאר א גרויסען עולם, וועלכער פלעגט פון זיי שעפען נחת. איינמאל איז אזא מגיד געקומען אין א שטעטעל, האט ער אין דער דרשה געמאכט געלט צו בלאטע, עס איז, זאגט ער הבל הבלים . . .

נאך דער דרשה האט דער מגיד געשטעלט א טעלער און דער עולם האט געווארפען מטבעות . . .

האט איהם איינער געשטעלט א פראגע: — סטייטש מגיד? איהר האט אליין געזאגט, אז געלט איז בלאטע, ווארום פארלאנגט איהר איצט געלט? . . .

— פארשטייט איהר מיר, ענטפערט דער מגיד —
בשעת משיח וועט קומען, כידוע, וועט מען קיין געלט ניט דארפען, אלץ וועט וואקסען אויף די בוימער פאר דער מענשהייט פראנק און פריי. וואס וועלען מענשען דאמאלסט טאן? מען וועט זיך אוועקשטעלען ביים וואסער און דארט אויסשאקלען די קעשענעס. יעדער איינער וועט אריינ־ווארפען זיין געלט, חפצים און צירונג. און אז איך וועל נישט האבען קיין געלט אויסצושאקלען וועל איך דאך מבזה ווערען . . .

*　　*　　*

א שמועס פון צוויי בטלנים.

שטייען צוויי אידען בטלנים לעבען עמפאיער בילדינג, אין ניו־יארק און מען האלט א שמועס:

— שעיה — זעה נאר, שמעיה לעבען וואס פאר א פראכטפאלער בנין דער „עמפאיער" בילדינג איז, ער האלט דאך איין פופציג צוויי פלעטס. אט, למשל, ווען דו וואלסט פארמאגט אזא בילדינג, וואלסטו דאך זיין דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט, דו וואלסט דאך מיליאנען געשעפט פון די רענט; וואלסט דאך דאן געקענט פארען אלע זומער נעמען בעדער אין מאנט קלעמענס היילען דיין רומאטיזם . . . אויך געבען צדקה מיט'ן פולען האנט אויף „מדינת ישראל" און אויך מיטנעמען א פעקעל מעשים טובים לעולם־הבא . . . אי, אי, ווי גוט און וואויל עס וואלט זיין . . .

— שמעיה — עט - טע - מע, עס איז ביי מיר, ישעיה לעבען, אזא בנין אפילו קיין שמעק טאבאק ניט ווערט!

— פארוואס?

— וואו וואלט איך זיך אנעמען אזוי פיל מזוזות אנצוקלאפען? . . .

*　　*　　*

אריינגעזאגט.

— שעיה: — זאג מיר, שמעיה, צו דו ווייסט א ווארט אין חומש מיט פיער קאמעצן?

— שמעיה: — יע, שעיה, דאס איז דאס ווארט „הרחמה".

— איצט זאג מיר, שעיה, צו דו ווייסט אַ ווארט אין חומש מיט פיער פתחן ? (פּאסעכצן).

— שעיה קנייטשט דעם שטערן, טראַכט און קען זיך ניט דערמאַנען. ער ווערט גייגעריק און בעט שמעיהן ער זאל אים אויסזאגען.

— שמעיה: — איך וועל דיר זאגען, שעיה אבער בתנאי זהז אַז דו וועסט קיינעם ניט אויסזאגען, אַז עס וועט בלייבען ביי דיר.

— שעיה: — איך גיב דיר מיין ווארט, עס וועט בלייבען ביי מיר, שמעיה: — „הקדחת״.

* * *

דער בטלן.

עס איז אַמאל געשעהן אַ געשיכטע אין אַ פּאַרוואַרפענע שטעטעל אין רוסלאַנד מיט אַ בטלן: מען האט אים געכאַפּט גיין שפּאַצירען צוזאַמען מיט זיין ווייבל אום תשעה באב.

האבען די ראשי־הקהל אים געפרעגט: היתכן ? ווי קומט עס צו דיר, ווייל אַ גאַנץ יאהר זעהט מען דיר ניט גיין מיט דיין ווייבל שפּאַצירען.

האט ער גאַנץ פּשוט געענטפערט: „מיר זיינען אויף גרויסענע צרות. מיר פאַרמאַגען איין פּאַר שיך, ווען איך גיי אַרויס פאַרבלייבט מיין ווייבל אין דער היים. ווען זי גייט אַרויס פאַרבלייב איך אין דער היים. אַבער, מורי ורבותי, אום תשעה באב גייט מען דאָך באַרוועס, דערפאַר געה איך מיט איר צוזאַמען שפּאַצירען, ווייל תשעה באב טראַגט מען דאָך ניט קיין שיך״. —

* * *

דער אַלטער מנהג.

בורעכאַבע: — איך וואלט וועלען וויסען, פון וואַנען נעמט זיך דער מנהג, וואס מען באַוואַרפט אַ שלעכטען רעדנער אדער אַפּילו אַ מיניסטער מיט פוילע עפּעל, אדער אַנדערע פּירות

שימענעוורע: — שווער צו זאגען, אבער דער מנהג איז, ווייזט אויס, ביי אידען שוין גאָר אַ אַלטער. נאָך אין די צייטען פון צווייטען בית המקדש־ דערציילט אונז די געשיכטע — האבען די פּרושים אַזוי געטאָן צו דעם אידישען קעניג און כהן גדול אלכסנדר ינאי. זיי האבען אים אַמאל אום סוכות, פאַר דעם וואס ער האט ביי דער עבודה ניט געגאָסען דאָס וואַסער אויפ׳ן מזבח לויט זייער מנהג, — באַוואַרפען מיט אתרוגים, וואס האט געפירט צו אַ בירגער־קריג, וואס האט אַנגעהאַלטען 6 יאר און אַרום 5 טויזענט אידען זיינען אומגעבראַכט געוואָרען . . .

ער זאָל מיר לאָזען ווי ער האָט מיר גענומען.

אַ פּאָר פאָלק זיינען געקומען זיך גט'ן צום רב.

דער רב וויל מאַכען שלום, נאָר עס איז אומעגליך.

דער מאַן ווייזט אויף באותות ומופתים, אַז זי איז אַ אשת־איש...

פרעגט דער רב ביי דער אידענע, וואָס האָט זי צו זאָגען אויף דערויף, זאָגט זי: רבי, איך פאַרלאַנג נאָר איין זאַך פון אים, אַזוי ווי ער האָט מיך גענומען אַן אַלמנה, אַזוי זאָל ער מיר איצט אויך איבערלאָזען פּאָר אַן אַלמנה...

* * *

המשל אודות הדבש והצנון.

אַ וואַלאָזענער ישיבה־בחור האָט געפרעגט זיין רבי אַן עצה: אַזוי ווי מען רעדט אים אַ שידוך מיט אַ טאָכטער פון אַן עושר און מען זאָגט אים צו אַ גרויסען נדן, אָבער אַ חסרון איז דאָ, די כלה'ס פאָטער איז אַן עה"א — זעהר אַ פּראָסטער מענטש — וועלכען עס האָט אַבגעגליקט און איז זייער רייך געוואָרען, אַלזאָ זאָל ער זיך מיט אים מתחתן זיין, צו ניט?

דער רבי האָט אים געענטפערט, בשיחת חולין של ת"ח מיט אַ משל: דער רעטאַך האָט געשיקט אַ שדכן צום האָניק, אַז ער זאָל זיך מיט אים מתחתן זיין. זאָגט דער האָניק צום שדכן, ווי קען איך טאָן אַ שדוך מיט'ן רעטאַך, אַז ער איז דאָך דער היפך פון מיר?! ערשטענס, בין איך דאָך ווייס און דער רעטאַך איז שוואַרץ; צווייטענס, איך בין דאָך ווייך, און דער רע־טאַך איז האַרט; דריטענס, איך בין דאָך זיס און דער רעטאַך איז ביטער. — דער שדכן האָט איבערגעגעבען דעם ענטפער צום רעטאַך. אָבער דעם רעטאַך ווילט זיך טאָן זעהר דעם שידוך מיט'ן האָניק. — שיקט ער ווייטער דעם שדכן צום האָניק אים איבערצוגעבען, אַז ער איז מרוצה אפילו אַז מען זאָל אים שלאָגען: אַזוי ווי ער איז שוואַרץ וועט ער געבען זיין קערפּער מען זאָל אים אָפּשאָבען, און אַזוי ווי ער איז האַרט וועט ער זיך לאָזען רייבען מיט אַ רייב־אייזען, וועט ער ווערען ווייך, און אַזוי ווי ער איז ביטער, וועט ער זיך לאָזען אויספּרעגלען וועט ער ווערען זיס.

דער האָניק האָט דערזעהען, ווי ווייט דער רעטאַך מאַכט זיך אונ־טערטעניג פאַר אים, האָט ער מסכים געווען אויפ'ן שידוך.

* * *

בעת שרייבען די תנאים האָט מען צוגעגרייט אַן איינגעמאַכטס פון רעטאַך און פון האָניק. און די געסט האָבען זיך מתוכח געווען צווישען זיך

ווי צומאַכען אַ ברכה אויפ׳ן „איינגעמאַכטס״, אויב דער האָניק איז דער עיקר דאַרף מען מאַכען די ברכה „שהכל״ און אויב די רעטאַך איז דער עיקר, דאַרף מען מאַכען די ברכה בפה״א, און זיי האָבען באַשטימט, אַז מען זאָל מאַכען די ברכה בורא פרי אדמה. וואָרום דער עיקר איז דער רעטאַך און דער האָניק איז אַ טפל . . .

און איצטער זעהען מיר אַרויס, אַז דערנאָך, ווי דער רעטאַך האָט זיך אונטערטעניג געמאַכט און געלאָזען זיך אָפּשאַבען, רייבען און פּרעגלען, איז ער געוואָרען דער עיקר און דער האָניק דער טפל . . .

* * *

מען דערציילט, אַז אַ חסידישער רבי האָט רחמנ״לצל פאַרלאָרען זיין ווייב, וועלכע איז געשטאָרבען יונג. נאָך אַ יאָהר צייט איז מען געקומען דעם רב רעדען אַ שידוך מיט אַ מיידעל פון גאָר גרויסען יחוס, אָבער ניט קיין שיינע. האָט דער רב זיך אַביסעל געוויטעלט און געזאָגט: „ס׳וואָלט רעכט געווען פון אַ ביסעל אַ קלענערען יחוס, אָבער אַ שעהנערע, ניט ווייל עס איז מיר אַ חילוק, ווייל ווי זאָגט שלמה המלך: „שקר החן והבל היופי״, אָבער ס׳איז שעהן פאַר דער שטאָט צו האָבען אַ שעהנע רבי׳צן״.

* * *

ער וויל ניט אויפשטיין קיין תחית־המתים.

אַן אָרטאָדאָקסישער איד, אַ גביר, איז געקומען „יום־כפור״ אין שוהל גאַנץ פריה. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מזרח־וואַנט און מיט גרויס כונה מתפלל געווען. זיין התלהבות איז געווען אין לשער. אין „יגדל״. בעת ער איז געקומען צו דער לעצטער שורה „מתים יחיה אל ברוב חסדו״ האָט ער זיך פאַנאַנדער געוויינט אויפ׳ן קול. און ער האָט צוגעצויגען די אויפ־מערקזאַמקייט פון עולם.

דער דין ר׳ איצע, זיינער אַ גוטער פריינט, וואָס זיצט לעבען אים, זאָגט צו אים: — ר׳ ברוך, וואָס איז דער מער מיט אייך, וואָס קלאָגט איהר? סטייטש ר׳ ברוך, ווען עס זאָל ניט זיין „תחית־המתים״ וואָלט פאַר אייך בעסער געווען? וואָס איז מיט אייך ר׳ ברוך?

ר׳ ברוך האָט זיך שטאַרק צעוויינט און זאָגט צום דין: — הערט זיך איין, רבי, וואָס איך וועל אייך דערצעהלען.

איך בין זייער רייך, איך האָב אַ גוטען געשעפט, געקויפט דאָ ניט לאַנג אַן אַפּאַרטמענט פאַר הונדערט טויזענט דאָלער. איז דאָך מיר גוט, אַזוי דוכט זיך אייך און נאָך אַנדערע מענשען. אָבער ג׳ האָט מיר געשטראָפט מיט צוויי זיהן, זיינען אמת׳ע אויסוואָרפען. שפּילען אין קאָרטען, הולענען

אויף וואס די וועלט שטייט. כל זמן איך לעב האַלט איך זיי נאָך אייַן. אָבער נאָך מייַן שטאַרבען, וואס וועט זיין? „מתים יחיה — ברוב חסדו'' — דאַ איז מייַן אומגליק אין גאַנצען, פאַר'ן טויט האָב איך קיין מורא ניט, שטאַרבען מוז מען, נאָר פאַר'ן אויפשטעהן תחית המתים אַט דאַ בין איך אומגליקלאַך. אַזוי ווי נאָר איך וועל צומאַכען אַן אויג, איז אין אַ קורצער צייט וועט פון מייַן אייגענס איין פרוטה ניט בלייבען. זיי וועלען, מייַנע זיהה, אַלעס צוטראָגען פאַרהולענען. אַז עס וואָלט קיין תחית המתים ניט געווען, וואָלט עס מיר גאָר ניט געאַרט, אָבער אַז איך וועל אויפשטעהן און איך וועל אפילו מייַן קאָפּ ניט האָבען וואו אַנצושפּאַרען, דאָס איז מייַן אומגליק.

— הערט זיך אייַן, ר' ברוך, ענטפערט איהם דער דיַן, איהר דאַרפט גאָר קיין מורא ניט צו האָבען. וויַיל, אַז איהר האָט אַזעלכע צוויי זיהנדעלעך. וועט איהר שוין קיין תחית המתים ניט אויפשטעהן . . .

* * *

אַ טעלעגראַמע פון איין וואָרט.

געקומען אַ קאַנטרע־איד צו אַ באַקאַנטען שטאָטישען אידען און געבעטען אים אויסלייַען א פינף־און־צוואַנציגער אויף אַ קורצע צייַט. ער האָט אים געליהען. אַוועק אַ פּאָר וואָכען, דער קאַנטרע־איד ברענגט ניט אָפּ. דער שטאָטישער איד שרייבט אים א בריוועל און דערמאָנט אים וועגען חוב. אָבער ער באַקומט ניט קיין ענטפער. איז זיך מישב דער שטאָטישער איד, אַז ער וועט אים צושיקען אַ טעלעגראַמע, וועט ער געוויס אָפּשיקען די געלט.

נאָר אַזוי ווי דער שטאָטישער איד איז געווען אַ קאַרגער האָט ער טעלעגראַפירט נור איין וואָרט: „נו''? . . . דאָס מיינט וואו איז מייַן געלט?

טעלעגראַפירט אים אָפּ דער קאַנטרע־איד אויך איין וואָרט: „נאַ!''...
— דאָס הייסט איך גיב ניט.

* * *

דער פּאַרנומענער.

צוויי נעגערס האָבען זיך צושלאָגען און געקומען אין קאָרט. פרעגט דער „ריכטער'' איינעם פון זיי:

— וואס טוסטו מאָנטאָג, דינסטאָג, מיטוואָך?

— איך אַרבעט ניט די טעג. ענטפערט דער נעגער.

— וואס טוסטו דאָנערשטאָג, פרייטאָג, שבת?

— איך רוה זיך אָפּ.

מיינט דער „ריכטער", אז ער ארבעט כאטש זונטאג.

— וואס טוסטו זונטאג? פרעגט אים דער ריכטער.

— א, זונטאג גרייט איך זיך צו צו דער גאנצער וואך . . .

* * *

תורה איז די בעסטע סחורה.

דער גובערנאטאר אין פעטערבורג האט זיך אמאל שמחת־תורה פאר־וואלט הערען אין קארשוהל דעם חזן מיט'ן קוואיער. האט ער געבעטען באראן גינצבורג, ער זאל אים מיטנעמען אין שוהל. ווען עס איז געקומען צו חתן־תורה האט איטליכער געוואלט דאס אויסקויפען, מען האט געגעבען מער און מער, באראן גינצבורג האט ארייגעשטייגט ביז הונדערט רובל. מיט אמאל זאגט דער גובערנאטאר, אז ער גיט מער — הונדערט פופציג. מען איז געבליבען אין פארלעגענהייט; איז צוגעגאנגען צום גובערנאטאר דער פרעזידענט און אים דערקלערט, אז דאס איז נור א מצוה, אבער ניט קיין מסחר . . .

— ניטשעווא, — זאגט דער גובערנאטאר, באראן גינצבורג איז א גוטער ביזנעסמאן, איז, אז ער גיט הונדערט רובל איז דאס פאר מיר ווערט הונ־דערט פופציג . . .

* * *

ער פרופט אויס זיין מזל.

מען דערציילט, אז באראן ראטשילד פלעגט איין מאל א יאהר פאהרען קיין מאנאקא געמבלען. און אלע מאל פלעגט ער ארויס דער געווינער.

האט אים געפרעגט זיינער א פריינט, צוליעב וואס ער טוט עס? איז ער דען ניט רייך גענוג?

האט ער אים געענטפערט, אז ניט צוליעב געווינס . . . ער האט אין דעם געלט דעם מינדעסטען אינטערעס נישט, ער פארט איינמאל אין יאהר קיין מאנאקא כדי אויסצופרובירען אויף דער „ראליעטקע", צי זיין מזל שפּילט נאך . . .

* * *

ארייגעזאגט.

אן ארטאדאקסישער איד איז אריין עסען אין אן אכסניה, וואו עס איז געהאנגען א שילד „כשר".

דער בעל־אכסניה איז אים געגאנגען אנטקעגען און אים אפגעגעבען

אַ ברייטען „שלום־עליכם" און האָט פאַר אים פאַרלויבט זיינע באַ'טעמ'טע מיטינגען, וועלכע זיינען „בהכשר־הכשרות", און אָנגעצייגט דעם אורח אויף די בילדער פון די גרעסטע רבנים־צדיקים, וועלכע זיינען געווען אויסגעהאָנגען אויף די ווענט פון חדר.

דעם אָרטאָדאָקסישען אידען איז ניט געפעלען געוואָרען די לויב־געזאָנגען פון דעם בעל־אכסניה און ער איז געווען מסופק צו ביי אים איז כשר. ער האָט געוואָלט אָוועקגעהן. דער בעל־אכסניה האָט דאָס באַמערקט. זאָגט ער צום אורח: אָט די בילדער פון די צדיקים, וועלכע הענגען דאָ אויף דער וואַנט זענען עדות, אַז ביי מיר איז דער עסען בהכשר הכשרות־מהדרין שבמהדרין.

— ענטפערט אים דער אורח: — ווען איהר וואָלט הענגען אויפ'ן וואַנט און די צדיקים וואָלטען פאַרנעמען אייער אָרט, וואָלט זיין געוויס כשר . . .

* * *

וואָס איז בעסער: — לאָקשען צי פאַרפעל ?

— שעיה: דו ווייסט, שמעיה, אַז די בעסטע אכילה, איז לאָקשען. עס איז נאָך בעסער ווי פאַרפעל, ווייל פאַרפעל האָב איך מער ניט ווי איין לעפעל און לאָקשען האָב איך נאָך אָרום לעפעל אויך.

— שמעיה: ניין, שעיה, פאַרפעל איז בעסער ווי לאָקשען, ווייל פאַר־פעל די וואָס איך האָב אין לעפעל בין איך דאָך זיכער, און לאָקשען איז די וואָס אָרום לעפעל קענען אַרויס שלעפען די וואָס אין לעפעל. צווייטענס איז לאָקשען גלאַט אַן אַפקומעניש. מען דאַרף אַרויס שטעלען דעם צונג.

— שעיה: הער נור, שמעיה, ווי באַלד, אַז דו זאָגסט, אַז לאָקשען איז אַן אַפקומעניש, פאַר וואָס עסט מען דאָס ניט אום תשעה באָב ?

— שמעיה: וואָס פאַרשטייסטו ניט, שעיה, אַז מען זאָל עסען לאָקשען אום תשעה באָב, וועט דאָך זיין צוויי אַפקומענישען. אַי פאַסטען, אַי עסען לאָקשען, און צוויי ענוים איז מען ניט מחויב אום תשעה באָב.

* * *

אַ זיסער חלום.

דער רוסישער קיסר „ניקאָלאַי" האָט שפּאַצירט איבער פּעטערבורגער גאַסען. ער האָט דערזעהן אין אַ רינשטאָג וואַלגערט זיך אַ פויער טויט־שכור. דער קיסער גיט אַ באַפעל, אַז מען זאָל דעם „פּיאַניצע" אָוועקפירען אין קייזערליכען פּאַלאַץ, מען זאָל אים אויסבאָדען, אָנטאָן ריינע וועש און קיי־

זערליכע קליידער: דערנאָך אים אָװעקלעגען אין אַ קייזערליכע בעט; און װען ער װעט זיך אױסניכטערן זאָלען אַלע דינער אים אָבגעבען דעם זעלבען כבוד װי דעם קייסער און רופען אים מיט'ן נאָמען „קינג". — מען האָט אױסגעפאָלגט דעם קיסערס באַפעל.

װען דער פױער האָט זיך אױסגעניכטערט און זיך אױפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט ער געװאָלט געהן אַ היים. נאָר װי פאַרװאונדערט ער איז געװאָרען, אַז ער האָט זיך דערזעהן װאו ער געפינט זיך און אַלע דינער בוקען זיך פאַר אים און מען רופט אים אָן „קעניג".

טראַכט זיך דער פױער, װי עס װײזט אױס איז גאָר ניטאָ קיין אונ־טערשייד צװישען אַ קייסער און אַ פױער. נאָר דער אונטערשיד איז אין די קליידער. און אַזוי װי ער איז איצט אָנגעטאָן אין קייזערליכע קליידער, אַלזאָ איז ער אויף אַן אמת „אַ קייסער".

עס איז פאַרלאָפען עטליכע טעג און דער פױער האָט געקעניגט. אױפ'ן דריטען טאָג האָט דער קייסער ניקאָליי געהייסען אױפרופען „אַ באַל" אױף װעלכען מען האָט געהולעט, געשיכורט אױף װאָס די װעלט שטייט. װען דער פױער־קיסער האָט זיך אָנגעזױפט און אָנגעשיכורט זיך, האָט דאַן דער קייסער געגעבען אַ באַפעל אױסצוטאָן פון דעם פױער די קייזערליכע מלבושים, און אים אָנטאָן אין זיינע שמוציגע קליידער און אים אָװעקלייגען אין זעלבען רינשטאָק װאו ער איז פריהער געלעגען.

װען דער פױער האָט זיך אױסגעניכטערט און זיך אױפגעכאַפּט, איז ער אָװעק צו זיך אַ היים. ער האָט דערציילט זיין װייב, אַז אים האָט זיך געחלומ'ט, אַז ער איז געװען אַ קייסער און געלעגען אין אַ פאַס פול מיט בראָנפען, אים איז געװען גוט און װאויל.

— יע, **זאָגט צו אים** זיין װייב: איך רעכען, פּעטרױשאַ, װען דו װאָלסט זיין אַ קייסער, װאָלסטו זיך אַ סך בעסער אױסגעטױגט װי אונזער קייסער „ניקאָלאַי", װאָרום אַ שכור ביסטו דאָך אודאי אַ גרעסערער פון אים . . . פּראַװדאַ ? ! . . .

* * *

ער האָט געגעסען ניט קיין פרישע פיש, געקראָגען שמיץ, און ערשט צו דערצו געלט־שטראָף באַצאָלט.

אַ „קוכער", װאָס האָט געדינט ביי אַ רוסישען פּאָריץ, האָט איינמאָל, ניט באַמערקענדיג, איינגעהאַנדעלט ניט גאָר קיין פרישען העכט־פיש. ער האָט דעם העכט אױסגעקאָכט און דערלאַנגט צום טיש.

דער מאכל האָט געעקעלט . . .

דער פּאַרעץ איז בייז געוואָרען. אַריינגערופען דעם „קוק" און זאָגט אים: — הער זיך איין, קוכער, פאַר דיין נאַכלעסיגקייט גיב איך דיר אַ שטראָף, קלויב זיך אויס איינע פון די דריי זאַכען: עס אויף דעם פיש, אָדער באַקום 39 שמיץ, אָדער באַצאָל דעם פּרייז פון פיש!

— דער „קוכער" ענטפערט: גענעדיקער פּאַרעץ, איך וועל אויפעסען דעם פיש.

ער עסט און עסט, אָבער ער גיט דאָס אָפּ צוריק...

— אַי, זאָגט דער „קוק" איך וויל בעסער שמיץ!

ביים אַריינצימבלען אין אים עטליכע שמיץ האָט ער גענומען שרייען:

— „געוואַלד!" — איך וועל באַצאָלען פאַר'ן פיש.

נמצא געגעסען ניט פרישע פיש, שמיץ באַקומען און צו דערצו באַצאָלט.

*   *   *

דער אַפּיקורס און דער מגיד.

אַ רייכער אַפּיקורס זאָגט צו אַ מגיד נאָך זיין דרשה, אַז איך זאָל אייך געבען פאַר אייער דרשה פינף און צוואַנציג דאָלער, וועל איך קריגען אין „גן־עדן" פון לויתן?

— ניין, זאָגט דער מגיד, אויף דער וועלט האָט דער גביר אַלעס גוטעס, אויף יענער וועלט נעמט ער גאָרנישט מיט, קומט ער דאָרט מיט קדחת און דאָקטוירים זאָגען, אַז דער וואָס האָט קדחת טאָר קיין פיש ניט עסען...

*   *   *

דער לויתן.

דער לויתן — דער קעניג פון די פיש — איז געפערליך קראַנק געוואָרען. האָבען די דאָקטוירים געזאָגט, אַז מען קען איהם ראַטעווען, ווען ער זאָל אויפעסען די האַרץ פון אַ פוקס. אָבער ווי כאַפּט מען דעם פוקס?

איינמאָל זיינען די פיש געשוואומען ביים ברעג טייך און דערזעהן אַ פוקס. זאָגען זיי צו איהם: ליבער פוקס, אונזער קעניג, דער לויתן איז געשטאָרבען, ווילען מיר דיר מאַכען פאַר אַ קעניג.

— ווי אַזוי קען איך זיין ביי אייך אַ קעניג, איך קאָן דאָך ניט לעבען אין וואַסער?

— מיר ווילען דיר געבען אַ גרויסען פיש, דו וועסט רייטען אויף איהם און ער וועט מיט דיר אַרומשווימען איבער ימים, טייכ'ן.

— גוט, זאגט דער פוקס, איך בין מסכים.

ווען די פיש זיינען מיט איהם אפגעשוואומען א היבשען שטח, האבען זיי איהם אויסגעזאגט דעם סוד, אז מען פירט איהם אויסצושניידען זיין הארץ פאר א רפואה פאר זייער קעניג. דער פוקס איז א פארציטערטער געווארען, נאר שנעל זיך בארוהיגט און זאגט צו זיי:

— וואס פאר א נאראנים איהר זענט, מיין הארץ האב איך דאך גע־לאזען אין וואלד אונטער א בוים . . . פיהרט מיך אפ צוריק וועל איך דאס מיטנעהמען . . .

די פיש זיינען מיט איהם צוגעשוואומען צום ברעג מיטצונעמען זיין הארץ.

ווען ער איז ארויסגעשפרונגען אויפ'ן ברעג, האט ער זיי אינגאנצען אויסגעלאכט . . .

* * *

דער גנב.

יום כפור איז אין שוהל געשטאנען דער גנב פון שטעטעל און מתפלל געווען מיט גרויס כונה.

— זאג מיר נאר, חיים, רופט זיך צו איהם אן איינער, א מעמבער, דו בעטסט אויך ביים אויבערשטען ער זאל דיר העלפען אין דיין פרנסה?

— פארשטעהט איהר מיך, ענטפערט חיים דער גנב, היינט ווערט דאך אין הימעל אנגעצייכענט ווער עס זאל דאס יאהר בא'גנבעט ווערען, בעט איך ביי ג', איך זאל טרעפען צו די הייזער, וועלכע עס איז באשערט בא'גנבעט צו ווערען . . .

* * *

געלט - פאוואליע.

א רייכער מאן און זעהר א קארגער פלעגט געבען יעדען ארימאן א ברייטען „שלום־עליכם", אבער ניט קיין געלט.

אמאל פרעגט איהם אן ארימאן: — וואס איז דער מער מיט אייך, שלום גיט איר, אבער איהר זייט ניט משלם . . .

— ענטפערט דער גביר: — ס'שטעהט אין סידור נעבען „שלום־עליכם" „ג. פ.", וואס מיינט: „ג־עלד פ־אוואלע" . . .

* * *

דאָס מויל.

מען קען זיך אַ פּאָר מאָל מעהר איינשמוצען, אַריינפאַלענדיג אין אַ ליידיגע מויל, ווי אין אַ פולע גרוב בלאָטע.

* * *

אַן אַרענדאַר.

מען האָט אַן אַרענדאַר מכבד געווען מיט הגבה, זאָגט ער, ער איז הייזעריק, — ער ווייס נישט, וואָס דאָס איז, און ער מיינט, מען מוז דאָ עפּעס אַ ברכה מאַכען.

* * *

דער מענש און די פיש.

אַ מענש איז געגליכען צו אַ פיש. ווען ביידע וואָלטען געהאַלטען צו־געמאַכט דאָס מויל, וואָלטען זיי ניט אַריינגעפאַלען אין צרות . . .

* * *

די זופּיצע.

דער רעזיצער רב ר׳ איצעלע זצ״ל האָט באַשטעלט אויף אַ יום טוב אַ זופּיצע ביי אַ ספּעציאַליסט אַ שניידער, וועלכער האָט זיך גע׳שמט אין שטאָדט מיט זיין אַרבייט. עס איז אַוועק פיל צייט און דער שניידער ברענגט ניט אָפּ. איז דער רב אַוועק צום שניידער און זאָגט:

— היתכן, ר׳ זלמן, צו האַלטען אַזאַ צייט די זופּיצע,

— רבי, זאָגט ר׳ זלמן, וואָס מער איך וועל איהר נייען, אַלץ שטאַר־קער וועט זי זיין!

— געוואַלד, ר׳ זלמ׳ן, זאָגט דער רב, ג׳ האָט באַשאַפען אַ וועלט אין 6 טעג און איהר קענט ניט שאַפען אַ זופּיצע אין דריי חדשים.

— יע, רבי, אָט פאַר דערפאַר האָט אַזאַ פּנים די וועלט, וואָס זי האַלט זיך אין איין רייסען . . .

* * *

תורה און ברויט.

רבי חנינא און רבי חייא האָבען זיך איינמאָל צוואָוערטעלט. האָט רבי חנינא געזאָגט צו רבי חייא׳ן:

„מיט מיר קריגסטו זיך? ווייסט דען ניט ווער איך בין? ווען אידען זאָלען חס ושלום פאַרגעסען די תורה, קען איך די תורה צוריק אויפלעבען

מיט מיין שאַרפזין און קענטעניס״. האָט רבי חייא געענטפערט: „איך פאַר־היט אויף אַ בעסער׳ן אויפ׳ן, אַז די תורה זאָל ניט פאַרגעסען ווערען. איך פלעכט אויס נעצען, פאַנג מיט דעם הירשען און גיב די פלייש צו אָרימע יתומים צו עסען. נאָכדעם אַרבייט איך אויס די פעלכלאַך, מאַך פון זיי פּאַרמעט, שרייב אויף דעם די פינף טיילען פון חומש, פאַר פינף יונגע תלמידים און זעקס טיילען משניות פאַר זעקס אַנדערע יונגע תלמידים און צו יעדען איינעם פון זיי זאָג איך: „געה איצט און לערען מיט אַנדערע. (כתובות).

* * *

דער איד וואָס איהם אַרט ניט.

ווען אידען זיינען אין אַן אומגליק זאָל זיך איינער ניט טראַכטען: איך וועל מיר גיין אַ היים. איך וועל מיר עסען און טרינקען און לעבען רוהיג. אַזאַ זינד וועט איהם קיינמאָל ניט פאַרגעבען ווערען. ווען איינער שיידט זיך אָפּ פון זיין פאָלק אין אַן עת צרה, קומען צוויי מלאכים און לייגען ארויף זייערע הענט אויף זיין קאָפּ און זיי זאָגען: „אָט דער וואָס האָט זיך אָפּ־געשיידט פון פאָלק אין זיין אומגליק, זאָל ניט דערלעבען צו זעהן די נחמה פון זיין פאָלק״. יעדער איינער מוז אַנטייל נעמען און מיטליידען מיט זיין פאָלק, אזוי געפינען מיר ביי משה רבינו, אין דער צייט וואָס די אידען האָבען מלחמה געהאַלטען מיט עמלק און משה איז מיד געוואָרען, האָט מען איהם אונטערגעשפאַרט מיט אַ שטיין, איז דאָך אַ פראַגע: וואָס עפּעס מיט אַ שטיין? האָט מען דען ניט געקענט אונטערלייגען און אונטערשפּאַרען מיט אַ קישען? — נאָר משה האָט אַזוי געזאָגט: „אַזוי לאַנג ווי אידען ליידען, וועל איך אויך ליידען מיט זיי״. און ווער עס ליידעט מיט׳ן פאָלק, דערלעבט צו זעהן ווען דאָס פאָלק ווערט געהאָלפּ׳ן.

(גמרא תענית).

וואו איז די כלה?

אַן אָרענדאַר איז געקומען אין שטאָט אַריין און איז אַוועק אין דער ישיבה, און האָט געבעטען דעם ראש ישיבה אויסצוקלייבען פאַר אים דעם בעסטען און געלערענטסטען בחור וועמען ער וויל האָבען פאַר אַן איידים. האָט אים דער ראש ישיבה געגעבען אַזאַ בחור, און דער אָרענדאַר האָט בעפאַר געגעבען טויזענט רובעל פאַר די ישיבה. — אהיימקומענדיג מיט׳ן בחור האָט דער אָרענדאַר דעם בחור פיין אויסגעקליידעט און אים אָפּגע־געבען אַ צימער צו זיצען און לערנען. טראַכטענדיג, אַז אין דעם זכות וועט ער האָבען הצלחה אין זיינע געשעפטען. ווען עס זיינען אַוועק עטליכע טעג, האָט דער בחור זיך געוואונדערט פאַרוואָס מען האָט אים ניט געוויזען די כלה. פרעגט ער דעם משרת, וואו איז דעם אָרענדאַר׳ס טאָכטער? און יענער

ענטפערט אים, אז דער באַלעבאָס האָט גאָר ניט קיין טאָכטער. הערענדיג דאָס, איז דער בחור אין געהיים צוריק אַנטלאָפען אין שטאָדט אריין צו ד׳ער ישיבה. דער אַרענדאַר איז באַלד אויך אַוועק צום ראש ישיבה און געפרעגט: „סטייטש״? וואו איז דער בחור?

— וואָס הייסט, — זאָגט דער ראש ישיבה, — איר האָט אים דאָך גענומען פאַר אַן איידים און איר האָט גאָר ניט קיין טאָכטער.

— אָבער, רבי, — מאַכט דער אַרענדאַר, — וואָס אַרט אייך צי ס׳איז דאָ אַ טאָכטער צי ניט? ביי מיר פאַשען זיך אַזוי פיל בהמות און פערד, טאָ זאָל זיך פאַשען נאָך איינער.

* * *

זי וועט בענטשען דעם טאַטען.

די מאַמע בענטשט ליכט, געהט צו איהר אינגעלע, בענטשט זי אים אויך. פרעגט דאָס קינד: מאַמע פאַרוואָס בענטשט דו ניט דעם טאַטען; אַזוי ווי מיר?

— פאַרשטייסטו, מיין קינד, ווען דיין טאַטע וועט ברענען וועל איך אים אויך בענטשען!

* * *

זי איז ניט משנה.

געקומען צום רב אַ פּאָרל. זי טענה׳ט, אַז דער מאַן שלאָגט זיך און דער מאַן טענה׳ט, אַז די ווייב שעלט זיך. האָט דער רב געמאַכט אַ פשרה: זי זאָל ניט שעלטען וועט ער זיך ניט שלאָגען. פאַר׳ן אַוועקגעהן זאָגט זי צום רב: אַז איך זאָג צו אַ וואָרט איז הייליק, אָבער וואָס טו איך מיט מיין ימח שמה׳ניק, איך זאָל זיין זיכער איז, אַז ער זאָל צוברעכען די פיס גייענדיג אַ היים, וואָרום קומענדיג אַ היים וועט ער גלייך אויפהייבען די האַנט אויף מיר. —

* * *

שעיה: וויפיל מאָל אַ טאָג ראַזירסטו זיך, שמעיה?

שמעיה: איך ראַזיר פערציג אָדער פופציג מאָל אין טאָג.

שעיה: ביסטו משוגע?

שמעיה: ניין, איך בין אַ שערער.

* * *

דער דייטש און דער מלמד.

פארט א מלמד אין טרעין מיט א אידישען דייטש.

פרעגט דער דייטש דעם מלמד: וויפיל קינדער האט ער?

ענטפערט דער מלמד: אז ער האט פערציג קינדער. (חדר אינגלאך, מיינט דער מלמד).

— דער דייטש: — אהה, פערציג קינדער, דאס איז איבערנאטירלאך און שווער דורכקארמענען! (אייגענע קינדער, מיינט דער דייטש).

— דער מלמד, ניט געפערליך, איך האב א באהעלפער.

* * *

יתרו'ס נעמען.

— שמעיה, זאג מיר שעיה לעבען, דו ביסט דאך א איד א תלמוד חכם, צו וואס האט יתרו געהאט גאנצע זיבען נעמען?

— שעיה, — פארשטייסטו מיך שמעיה לעבען: — ווייל ער האט געהאט זיבען טעכטער, און כדי ארפצופטר'ן די זיבען הויקערס, האט ער געדארפט אויסגעבען א אוצר מיט געלט. אזוי, אז נאך יעדער חתינה פון א טאכטער האט ער באנקראטירט און האט געמוזט בייטען זיין נאמען...

* * *

וועגען „הא לחמא".

— שמעיה, זאג מיר שעיה, פארוואס זאגט מען „הא לחמא עניא" מיט'ן „כל דכפין ייתי ויכול" אויף תרגום לשון?

— שעיה — ווייל מען האט מורא טאמער וועלען טאקע קומען אורחים צום סדר־טיש.

— שמעיה — : — אבער מען קאן דאך פארשליסען די טיר, אז קיין אורחים זאלען ניט קאנען אריינקומען?

— שעיה — : — יא, אבער עס קאנען דאך קומען מלאכים אין געשטאלט פון מענשען, ווי דאס איז געווען ביי אברהם אבינו, און ביי זיי העלפט ניט קיין פארשלאסענע טיר — דערפאר זאגט מען דעם „הא לחמא" אויף תרגום, ווייל די גמרא זאגט, אז מלאכים פארשטייען ניט קיין תרגום.

* * *

בדיחה.

איינער איז געקומען אין א אכסניה. מען האט דאמאלסט געגעסען קרעפלאך. פרעגט דער אורח דעם בעל־הבית: וואס עפעס איז מיט'ן דע־

רינען עסט מען ביי אייך קרעפלאך? — קרעפלאך עסט מען פורים בעת מען שלאגט המן׳ן, הושענא רבה שלאגט מען הושענות, יום כפור שלאגט מען כפרות,, דאן עסט מען קרעפלאך. וואס עפעס איצט עסט מען קרעפלאך?

— ענטפערט דער בעל־הבית, עס איז איבערגעבליבען ביי אונז פלייש, האבען מיר זיך געשלאגען מיט דער דעה ארויסצוווארפען צי ניט, איז גע־בליבען ביי אונז־צוהאקען די פלייש און מאכען קרעפלאך.

* * *

דאס איז ניט קיין קעפלאך קרויט.

געווען א מגיד א גוטער בעל־דרשן, נאר זיין חסרון איז געווען אימתא דציבורי (ער פלעגט זיך דערשרעקען פאר׳ן עולם). האט דער רב פון זיין שוהל אים גע׳עצה׳ט ער זאל זיך מסדר זיין אויפ׳ן פעלד צווישען די קעפ־לאך קרויט, און אז ער וועט ארויף אויף דער בימה זאל ער זיך פארשטעלען ווי ער שטעהט צווישען די קעפלאך קרויט, וועט ער זיך ניט שרעקען. דער מגיד האט אזוי געטאהן, דער נאך אז ער איז ארויף אויף דער בימה האט ער זיך פארט דערשראקען פאר׳ן גרויסען עולם און די דרשה האט זיך ניט איינגעגעבען. — ער איז צוגעגאנגען צום רב און האט אים געזאגט: „ניעט, בראט, העטא ניע קאפוסטא״ . . .

* * *

א חשב׳ר בעל־הבית אין אמעריקא האט אוועק געגעבען זיין אינגעל אין ישיבה מען זאל מיט איהם לערנען גמרא, דער אינגעל א געבארענער און אמעריקאנער האט שלעכט פארשטאנען אידיש. דער רבי האט מיט איהם אנגעהויבען צו לערנען די גמרא פון „שור שנגח את הפרה״ — אז אקס האט געשטויסען א קוה — דער אינגעל הייבט ניט אן צו פארשטייז. דער רבי האט אים דערקלערט עטליכע מאל, עס העלפט ניט. צום סוף האט דער רבי אנגעשריען אויף איהם.

דער אינגעל איז אוועק א היים און האט אנגעהויבען צו וויינען פאר׳ן פאטער און דערציילט אים אין ענגליש: עפעס אז אקס האט געשטויסען א קוה, איך האב גאר ניט געזעהן, איך בין גאר ניט שולדיג, האט אויף מיר דער רבי געשריען . . .

* * *

פארענטפערט די קשה.

— ר׳ שעיה — זאג מיר, שמאיע, ס׳איז עפעס קשה. ג׳ האט צו־גענומען פון איוב׳ן אלץ — זיינע קינדער, זיין רייכטהום, זיינע שאף און רינדער. פארוואס האט ער ניט צוגענומען פון אים אויך זיין ווייב?

— שמאיע — פאַרשטייסטו מיד, ר׳ שעיה, ג׳ האָט געוואוסט, אַז ער וועט איוב׳ן דאַרפען אבגעבען אַלץ דאפעלט, האָט ער אויף אים רחמנות געהאַט און נישט געוואָלט ער זאָל געשטראָפט ווערען און האבען צוויי ווייבער! . . .

* * *

אַז ארטאַדאַקסישער איד איז געקומען צו אַ רעפאָרם רבי פרעגען אַ שאלה, וועגען געטליכקייט: ער האָט געהאַט צען טויזענט דאלער, האָט ביי אים ג׳ צוגענומען. דערנאָך — די שיינע ווייב זיינע. אויב ג׳ האָט אים יאַ געשטראָפט האָט ער געדאַרפט פריער צונעמען זיין פרוי, וואָלט ער מיט זיין קאַפּיטאַל קענען געפינען אַ אַנדערע פרוי. איז וואָס עפּעס פריער זיין קאַפּיטאַל?

— דער רעפאָרם רבי: וואָרום זייט איהר געקומען צו מיר, ניט צו אַ דוכאַוונעם רב?

— דער איד — פאַרשטייט איהר מיד, ווייל איהר גלויבט דאָך אודאי ניט אין געטליכקייט, וועט איהר קענען פאַרענטפערען די שאלה . . .

* * *

ס׳איז דען אייער הויז?

אַ כעלעמער איד איז געקומען אין אַמעריקאַ. אין אַפּאַרטעמענט וואו דער כעלעמער האָט זיך פאַרקליבען האָט אויסגעבראָכען אַ גרויסע שריפה.

אַ טויט־שרעק איז באַפאַלען די איינוואוינער, פון אַלע זייטען האבען זיך געהערט קולות און געוואַלדען.

איז דער כעלעמער צוגעגאַנגען צו איינעם, וואָס האָט שרעקליך גע־שריען, און אים געפרעגט:

— ר׳ איד, וואָס מאַכט איהר אַזאַ טומעל?

— וואָס הייסט? — האָט געענטפערט דער איד, — איר זעהט דען נישט די הויז ווערט פאַרברענט?

— נו, איז וואָס, — האָט געפרעגט דער כעלעמער, — איך פאַרשטיי נישט, וואָס עסט איהר זיך אַזוי אָפּ די הארץ, ס׳איז דען אייער הויז?

✡✡✡✡✡✡✡✡✡✡

וואָס קלאָגט איר ווייבער?

אַמעריטשקע — אַ גאָלדענע לאַנד,
אַלעס, אַלעס קומט פון וואַנט.
וואַסער, פייער, היץ און קעלט
אַלעס — וואָס נאָר אייך געפעלט.
וואָס־זשע, פרעג איך, איז דער מעהר
וואָס איר זאָגט, איר אַרבעט שווער?
מען דאַרף קיין האָלץ ניט האַקען דאָ.
מען דאַרף קיין ברויט ניט באַקען דאָ.
כריין אַליין דאָ רייבט איר ניט,
די קוה אין טשערעדע טרייבט איר ניט,
דאָ קיין טשאָלענד רוקט איר ניט
קיין זאַקען שטריקט איר ניט,
קיין פעדערען פליקט איר ניט,
און אין קימפעט ליגט איר ניט . . .
ניט איר לאַטעט, ניט איר נייט, —
וואַקסט איר טאַקע אין דער ברייט . . .
קיין מערעזשעס לייגט איר ניט,
און דאָס פלייש דאָ ווייקט איר ניט, —
קיין תחינות זאָגט איר ניט,
קיין לאַקשען בראָקט איר ניט.
קיין פוטער שלאָגט איר ניט,
און קיין קינדער טראָגט איר ניט . . .
וואָס־זשע טאַקע איז דער מעהר —
וואָס איר קלאָגט, איר אַרבעט שווער?

די כלה׳ס חסרון.

א שדכן האט גערעדט אַ שדוך צו א בחור. און רעכענט אויס פאר׳ן חתן ־ בחור די גרויסע מעלות פון דער כלה ־ מיידעל, וואס ער רעדט אים אוו ווען דער בחור פרעגט איהם, האט זי גאר קיין שום חסרון ניט? ענטפערט דער שדכן תמ׳עוואטע:

— זי איז אַ קאפיטשקע מעוברת . . .

* * *

אַ פרייליכער איד.

אַ פראסטער איד, וואס האט קוים געקענט עברי, וואס איז אבער יעדען יאהר ווען עס איז געקומען שמחת תורה געווען אויסערגעוויינליך פריילאך. ער האט געטאנצט אין די גאסען און אויסגעזונגען אלץ, וואס ער האט געקענט. האט אים אַ איד אַ למדן אַ פרעג געטאן, וואס איז דא פאר אַ שמחה ביי אים, האט ער זיך אנגעלערענט א גאַנץ יאהר?

דער איד האט געענטפערט: „אוו, אַז ביי מיין ברודער איז א חתונה דארף איך דען ניט טאנצען? . . .

* * *

וואס קומט פריהער?

א איד אַן עם־הארץ איז אַמאל געקומען צו א רב בעטען קבלה אויף שחיטה. דער רב האט באלד דערקענט מיט וועמען ער האט דא צו טאן. גיט ער אים אַ פרעג:

— וואס קומט פריהער: שחיטה צו בדיקה?

— אודאי ענטפערט דער איד — קומט בדיקה פאר שחיטה.

— וואו האט איהר עס געלערענט? פרעגט דער רב.

— אין גאס — מאכט דער איד —

אנומעלט איז אַ איד בארויבט געווארען אין מיטען גאס און האט זיך דערשריען: „געוואלד, מ׳האט מיך געקוילעט! פרעג איך אים: ,וואס, האט מען אייך פריהער געטאהן?״ — האט ער געענטפערט: „פריהער האט מען מיך גע׳בדק׳ענט״ — הייסט עס, אַז קודם קומט בדיקה און דערנאך שחיטה . . .

* * *

אַדוועֶרטייזמענט.

אַן אַדוועֶרטייזמענט האָט ערשיינט אין אַ פּעיפּער, אַז מען פאַרלאַנגט אַ יונגען מאַן אַרבייטען אין אַ סטאָר. די איינציגע זאַך איז, אַז קיין איד זאָל זיך נישט מעלדען פאַר דעם פּאָזישען. איז איינער, פון אונזערע אחינו בני ישראל, וואָס האָט נעבאַך זיך געניוטיגט אין אַרבייט, זיך אַנגענומען מיט מוט און איז אַוועק צום בעל־הבית בעטען אַרבייט. דער בעל־הבית פרעגט אים:

— צו וואָס פאַר אַ נאַציאָנאַליטעט באַלאַנגסטו ?

— ענטפערט ער אים: — איך בין אַ גרעק.

— זאָגט דער בעל־הבית: — אויב אַזוי קום אַרויף אַפּסטעירז, וואו עס אַרבייט פאַר מיר אַ גרעק וועל איך הערען ווי איהר רעדט זיך דורך.

דעם אידען איז נעבאַך קאַלט און וואַרעם געוואָרען, ער איז נאָכגע־גאַנגען דעם בעל־הבית אין געהאַקטע וואונדען. קומענדיק אַרויף זעט ער ווי אַ מאַן שטייט און פּרעסט. דער פּרעסער, באַמערקענדיק דעם אידען און זעט אין וואָס פאַר אַ לאַגע ער איז, זאָגט ער אים מאַמע לשון:

— האָט אים אין דר׳ערד.

ענטפערט דער בעל־הבית אויך אויף מאַמע־לשון:

— איך האָב אייך ביידען אין דר׳ערד . . .

* * *

אַ גערעכטע טענה.

אַ בכבוד׳יגער אָרעמאַן פלעגט קומען צו אַ רייכען אידען איינמאָל אין יעדען יאָהר נאָך אַ נדבה, און דער גביר פלעגט אים געבען יעדעס מאָל אַ גאַנצען הונדערטער. איין יאָהר אָבער האָט ער אים געגעבען בלויז פופציג דאָלער. פרעגט דער אָרימאַן:

— פאַרוואָס עפּעס היינט ווייניגער ?

— ווייל, מאַכט דער באַלעבאָס, ערשטענס גייען דאָס יאָהר מיינע געשעפטען שלעכט, און צווייטענס, דאַרף איך חתונה מאַכען אַ טאָכטער.

— הערט נאָר, — שרייט אויס דער אָרימאַן — אַ חוצפה פון אַ אידען ! וואָס פאַר אַ רעכט האָט איר חתונה מאַכען אַ טאָכטער מיט מיינע געלט ? . . .

* * *

אַ אידען׳ס ענטפער.

דער מופטי האָט געפרעגט אַן ארץ ישראל׳דיקען אידען, פאַרוואָס אידען פירען זיך אַנדערש ווי אַלע פעלקער ? למשל, אַלע פעלקער פייערען

ביי־יאהר בלויז איין טאג, און אידען האבען ראש השנה צוויי טעג!

— ווייל, ענטפערט דער איד, — מיר מוזען האבען צוויי טעג; דעם ערשטען טאג בעטען מיר, אז גאט זאל דערפילען אלץ, וואס מיר ווינשען זיך, און דעם צווייטען טאג בעטען מיר, אז וואס אונזערע שונאים ווינשען אונז זאל ניט מקוים ווערען . . .

* * *

ער ווייסט בעסער.

א אידענע איז אמאל געקומען צו א באוואוסטען גוטען אידען מיט א בקשה. דער שמש האט ביי איר גענומען דאס קוויטעל, אין וועלכען זי האט זיך באקלאגט, אז איר מאן איז פון איר אוועק מיט א געליבטע, וויל זי, אז דער רבי זאל בעטען פאר איר, אז דער שטן זאל זיך אפטאן פון איר מאן אזוי, אז ער זאל צו איר צוריק־קומען. דער שמש האט דאס קוויטעל אריינ־געטראגען צום רבי׳ן און איז אין א ווײלע ארום ארויסגעקומען און האט געזאגט צו דער אידענע:

— דער רבי האט געזאגט, אז אייער מאן וועט אים ירצה השם אינ־גיכען פארלאזען זיין געליבטע און צוריק־קומען צו אייך, אבער איך זאג, אז ביין . . .

ווען די אידענע איז אוועקגעגאנגען, האט א חסיד, וואס האט גראד געהערט די ווערטער פונ׳ם שמש, צו אים צוגעגאנגען און געזאגט:

— סטייטש? ווי קומט איר צו זאגען „ביין״. ווען דער רבי זאגט, אז דער מאן וועט צו איר יא צוריקקומען?

— ווייל, מאכט דער שמש. — דער רבי האט בלויז געזען דאס קוויטעל, אבער איך האב געזען די אידענע אליין . . .

* * *

ניט מיר, ניט דיר.

א מאל זיינען געגאנגען אין א מדבר דריי מענשען: א גרעק, א בעדוי־אינער און א אראבער, זיי זענען געווען הונגעריג און דורשטיג, געזוכט אביסעל וואסער אפצופרישען זייערע טרוקענע ליפען. מיט אמאל האבען זיי דערזעהן א גייסטליכען, וועלכער האט גוט געוואוסט דעם געגענד. זיי זענען אלע צו איהם צוגעלאפען און איטליכער אויף זיין שפראך האט געבעטען ער זאל אויף איהם רחמנות האבען און ראטעווען איהם פון הונגער און דורשט. נאך זייערע באוועגונגען האט דער מאן פארשטאנען וואס ער האט צו טאהן. ער איז אויף א ווײלע פארשוואונדען און האט געבראכט א קארב מיט פרישע וויינטרויבען; איטליכער פון די דריי וואנדערער האט געמיינט,

אַז ער האָט דאָס באַשטעלט. האָבּען זיי אָנגעהויבּען ציהען די קאַרב ווײַנ־טרויבּען איינער פון צווייטען ביז וואַנען דער קאַרב מיט די ווײַנטרויבּען איז אַראָפּגעפאַלען און זיי האָבּען דאָס צוטראָטען . . .

זאָגט זיי דער גייסטליכער: „איהר זעהט, ווען איהר וואָלט האָבּען אַלע איין שפּראַך און ניט זיין סעלפ׳יש, דאַן וואָלט איטליכער פון אייך פאַר־שטאַנען, אַז ניט ער אַליין האָט די טרויבּען באַשטעלט, נאָר אַלע און איהר וואָלט דאָך דערקוויקען אייער האַרץ מיט זאַפטיגע טרויבּען״.

* * *

דער מוסר השכל פון דער מעשה׳לע באַשטייט אין דעם, אַז אַ מענטש טאָר ניט זיין עגאָאיסטיש; מיינען אַז אַלעס גוטעס באַלאַנגט נאָר צו אים אַליין, אָבּער ניט פאַר׳ן צווייטען. די שיינע ג׳ וועלט איז באַשאַפען געוואָרען פאַר אַלע מענטשען גלייך, און יעדער מענש האָט די זעלבּע רעכט צו גע־ניסען פון איהר גוטס. אָבּער ווען מענשען הייבּען זיך אָן צו רייסען צווישען זיך איבּער׳ן „קאַפּיטאַל״, ציהען אים איינער צום צווייטען, ווערט דאַן אַלעס פאַרניכטעט און צוטראָטען . . . אַזוי ווי מיר זעהען, אַז קנאה און שנאה פון איין מלוכה צו דער צווייטער, ברענגט צו דערצו, וואָס איטליכע מלוכה וויל פאַרכאַפּען די גרעסטע מסחר־מערק און דאָס פירט צו מלחמות און מענשען־בּלוט ווערט געגאָסען טייכענווייז, צוליעב אַ טייל מענשען בורגנים־בורשזוא — וואָס טראַכטען נאָר פאַר זיך צו לעבּען אַ גליקליכען טאָג, און באָדען זיך אין צווייטענס שווייס און בּלוט — צוליב זייער ווילדע אַמביציעס. — דאָס אַלעס מוז פאַרשוואונדען ווערען.

די מענשהייט מוז האָבּען איין געדאַנק, איין מיינונג איין געפיהל, איין שפּראַך: „ליוו ענד לעט ליוו״ — לעבּ און לאָז דעם צווייטען אויך לעבּען.

* * *

אַ מאַן האָט זיך געטרונקען און געשריען:
געוואַלד, ראַטעוועט, איך קאָן ניט שווימען!
געהט פאַרביי אַ צווייטער איד, קוקט אים אָן און זאָגט:

— טאַ וואָס־זשע מאַכט איר אַזאַ געוואַלד? געהט אַרויס און לערנט זיך אויס שווימען . . .

* * *

מדה כנגד מדה.

געקומען אַ משכיל צו זיינעם אַ פריינט, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע לייבּרערי און געבּעטען ביי אים לייהען אַ בוך. דער פריינט זאָגט אים:

מיט׳ן גרעסטען כבוד וועל איך דיר לייהען דעם בוך, נאר מיט זיך קען איך דיר ניט געבען, דו קענסט אים נוצען אין מיין הויז . . .

אין א וואך ארום קומט דער פריינט צום משכיל און בעט ביי אים לייהען „א לאון־מאוועד (א מאשין פאר שניידען גראז). דער משכיל זאגט אים: מיט׳ן גרעסטען פארגעניגען וועל איך דיר לייהען, נאר דו ווייסט, אז מיט זיך צו הויז קען איך דיר ניט געבען, דו קענסט אים נוצען נאר אין מיין הויז . . .

* * *

— שעיה — שלום שמעיה, וואס מאכסטו?

— עט — טע — מע — דאנקען ג׳.

— שעיה — אפשר וואלסטו מיר לייען א פינפער׳ל?

— שמעיה — א, ענטשולדיג, איך האב ביי זיך אפילו א גראשען ניט.

— שעיה — און אין דער היים?

— שמעיה — אין דער היים זיינען אלע ב״ה געזונט, א דאנק, זיי פילען זיך זעהר גוט. גוט ביי . . .

* * *

רבי שמואל הנגיד.

רבי שמואל הנגיד האט אויסגעשניטען ביי זיין שונא דעם ווערמדיגען צונג און אים פארביטען מיט א געזונטען זאפטיגען צונג. אזא אפעראציע איז ניט אומשטאנד צו מאכען קיין דאקטאר און פראפעסאר.

אין דער שטאט מלגה אין שפאניע, א שטאדט ביים ים, האט געוואוינט אן ארימער איד, אבער א גרויסער געלערענטער חכם און צדיק. רבי שמואל האט זיך געצויגען זיין פרנסה פון א קלייטעל, וואס ער האט דארט געעפענט ניט ווייט פון א פאלאץ, וואס דער גראנאדישען קעניג׳ס חאבוס, הויפט־מיניסטער אבו־אלקאסאם, אבן־אלעריף האט אויסגעבויט. שמואל האט גראד אויסגעקליבען דעם פלאץ, ווייל ער האט גערעכענט, אז נעבען א גרויסען פאלאץ, וועט ער האבען מער פדיון, צום סוף האט דאס שכנות געפירט דערצו ער זאל גליקלאך ווערען דוקא ניט פון מסחר, און דערגרייכען די גרעסטע מדרגה. דעם הויפט־מיניסטער׳ס דינסט האט געדארפט איהם אפשיקען בריעף, און אזוי ווי זי האט געהערט, אז דער אידישער קרעמער איז א גרויסער קענער, האט זי זיך צו איהם געווענדעט, ער זאל איהר אלע־דינג שרייבען. אז אבן־אלעריף האט באקומען די בריוו, זענען זיי אים שטארק געפעלען געווארען, אז ער האט זיך געהייסען ברענגען דעם שרייבער,

און אז ער איז בעקאַנט געוואָרען מיט שמואל'ן און זיך איבערגעצייגט אין זיינע פעהיגקייטען האָט ער איהם תיכף געמאַכט פאַר זיין סעקרעטאַר. דאָ האָט שמואל באַקומען די רעכטע געלעגענהייט אַרויס צו ווייזען זיינע קענט־ניסע. מען האָט איהם אָנגעהויבען פרעגען עצות און דער מיניסטער פלעגט קיין מאָל ניט אַרויסגעהן פון זיינע רייד. אַז אַבן־אלעריף איז שטאַרק קראַנק געוואָרען און האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען, האָט ער פאַר'ן טויט גע־ראַטען דעם קעניג, ער זאָל שמואל'ן אַנידער זעצען אויף זיין אָרט. און אַזוי איז שמואל געוואָרען הויפּט־מיניסטער פון גראַנאַדאַ און פאַרדינט עהרליך דעם נאָמען „נגיד" (פירסט). און מיט איהם צוזאַמען האָט אויך זיין פאָלק דערלעבט אַזאַ גדולה, וואָס עס איז גאָר שווער געווען צו ערוואַרטען.

איין מאָל האָט געשפּאַצירט דער קיסר מיט רבי שמואל'ן אין סטריט. איז אַרויסגעאַנגען פון זיין הויז אַן אַרעמער אַראַבער — אַן אומפריינט פון רבי שמואל'ן — און אָנגעהויבען זידלען, שימפּפען רבי שמואל'ן. דער קיסר איז געווען איבעראַשט, געוואָרען אין כעס אויפ'ן פרעכען אַראַבער און געזאָגט צו רבי שמואל'ן: „גיב אַ באַפעל אויסצושניידען זיין ווערעמדיגען צונג".

רבי שמואל האָט גערופען דעם שונא צו זיך, גערעדט מיט אים פריינד־ליך. דער אַראַבער האָט אויסגעגאָסען די הארץ פאַר אים דערציילענדיג, אַז ער איז זייער אָרעם, ניטאָ קיין ברויט און הויז: רבי שמואל האָט אים אויסגעהאָלפען מיט געלט.

אין פאַרלויף פון אַ קורצע צייט איז ווייטער דער קיסר געשפּאַצירט מיט רבי שמואל'ן הנגיד, איז אַרויס דער זעלבער אַראַבער און האָט גע־זונגען לויב־געזאַנגען לכבוד רבי שמואל'ן. דער קיסר האָט געפרעגט „מיט כעס רבי שמואל'ן: „וואָרום האָסטו ניט געטאָהן מיין באַפעל?". — רבי שמואל האָט געענטפערט דעם קיסר: „איך האָב געטאָן דיין באַפעל, איך האָב דעם אַראַבער אויסגעשניטען זיין ווערעמדיגען צונג און אים פאַרביטען מיט אַ געזונטען זאַפטיגען צונג".

* * *

„נתן תתן לו" (דברים, סדרה ראה).

וועגען דעם פּאַרזאַג פון „נתן תתן לו" — צוויי מאָל געבען, ווערט דערציילט, אַז צו רבי יצחק ציוני זצ"ל (מרעזיצאַ פלך וויטעבסק, בעל המחבר „עולת יצחק") איז אַמאָל אַריינגעקומען אַ געפאַלענער בעל־הבית און דערציילט, אַז ער געפינט זיך אין אַ ביטערען מצב. דער רבי האָט אים גלייך אויסגעהאָלפ'ן. אַז דער איד האָט שוין געהאַלטען ביים אַוועקגיין, האָט ער אים צוריקגערופען און אים געגעבען געלט נאָכאַמאָל.

אויף דער פראגע, הלמאי האט ער אים געגעבען צוויי מאל? האט רבי יצחק געענטפערט: דאס ערשטע מאל האב איך געגעבען, ווייל איך האב מיטגעפילט זיין צער, הייסט עס דאך, אייגענטליך, אז דאס האב איך געגעבען פאר זיך; דאס צווייטע מאל האב איך שוין געגעבען אים - לשם מצוה. און אזוי — האט ער אויסגעפירט — זאגט אונז טאקע די תורה:

„נתן תתן לו" — זאלסט געבען און נאכאמאל געבען, איינמאל צוליב'ן „ולא ירע לבבך", כדי דאס הארץ זאל דיר ניט ווייה טאהן פון צער. די דאזיגע נתינה איז פאר דיר, און א צווייטענמאל „בתתך לו" — פאר זיינעטוועגען, לשם מצוה.

* * *

מען דערציילט אז באראן גינצבורג פון פעטערבורג האט אויף אן אסיפה פון ועד הרבנים פארגעסען דארט א טייסטער מיט געלט. דער ראש הרבנים האט עס געפונען און צוריקגעשיקט צו באראן גינצבורג. האט ער זיך אנטזאגט עס צו נעמען, און צו דעם שמש, וואס האט אים אפגעבראכט האט ער געזאגט: „זאגט דעם רב'ן, אז מיין גאנצען לעבען האב איך געטראכט, ווי קאן איך מקיים זיין די מצוה פון „שכחה". איצט, אז זי איז געקומען צו מיין האנט, בין איך זייער צופרידען. זאגט דעם רב'ן ער זאל צוטיילען די געלט צו נויטבאדערפטיגע.

* * *

די אידענע.

א אידענע איז איין כעלעם פארבייגעגאנגען א טייך, וואו גוי'עס זענען געשטאנען ביים וואסער און געקלאפט, אדער ווי מען פלעגט עס רופען „געפראטשעט", מיט'ן העמד אין שטיין. האט זי די אידענע אויסגעשריען: „עס איז דאך גוט, וואס איך בין ניט אין העמד" . . .

* * *

דער הויקער.

א כעלעמער איד האט געהאט נעבאך א הויקער, ווען מען האט דורך א קינסטליכער אפעראציע ארונטערגענומען דעם הויקער. קומט דער איד צוריק צום כירורג און זאגט צו איהם: „פראפעסאר, טוט מיר אן צוריק דעם הויקער, אהן דעם הויקער איז מיר קאלט אין פלייצע" . . .

* * *

דער הונט פון חד גדיא.

שאיע: — אין חד גדיא שטייט, אז ס׳איז געקומען דער שטעקען און האט געשלאגען דעם הונט, וואס האט געביסען די קאץ. איז מיר קשה, פארוואס איז אים געקומען צו שלאגען. ער איז דאך געווען גערעכט, ווייל די קאץ האט אומזיסט און אומנישט אויפגעגעסען דאס ציגעלע?

שמאיע: — דער הונט איז טאקע געווען גערעכט, אבער א הונט דארף זיך ניט ארייננמישען אין יענעמס געשעפטען . . .

ריש, לקיש (קיצור פון „רבי שמעון בן לקיש) און רבי יוחנן.

צוויי וויכטיגע פערזענליכקייטען וואס האבען געשפילט
א גרויסע ראלע אין אידישען לעבען.

ריש לקיש איז געווען אן אמורא אין ארץ ישראל אין 3־טן דור פון אמוראים, שוואגער פון רבי יוחנן. ריש לקיש איז געבארען געווארען אין שטאדט בצרה מעבר לירדן, אבער געוואוינט האט ער אין צפור, און דער־נאך אין טבריא.

גאר אין די יונגע יאהרען איז רבי יוחנן געווען ריש לקישעס שול־חבר. צוזאמען האבען זיי געלערענט תורה ביי רבי.

ריש לקיש איז געווען הויך געוואקסען, שטארק ווי א ריז. און די נויט האט אים געצוואונגען פארלאזען דאס לערנען און ארייננטרעטען אין א צירק, אלס גלאדיאטאר און דארט זיך שלאגען מיטווילדע חיות, וועלכע ער האט באקעמפט מיט זיין גבורה און שכל.

אין דער גמרא גיטין מ״ז ווערט דערציילט, אז ער איז געווען א גרויסער גיבור און ער האט זיך געהאט פארקויפט צו די „לודאי״ די גלא־דיאטארען. באלד אבער איז ער דערגאנגען, אז ער איז גאר ארייננגעפאלען צו מענשענפרעסער אין די הענט. און ביי זיי איז שוין באשטימט דער טאג, ווען אים צו טויטען. מען האט אים געגעבען א סך צו עסען, דען מען האט אים געוואלט מקריב זיין א קרבן, ווי דער מנהג איז געווען ביי זיי — ביי די ווילדע — יעדע יאהר צו נעמען א פעטען מענשען, און אין א געוויסען טאג אים ביי פייערליכער צערעמאניע אויסשניידען דאס הארץ און עס מקריב זיין צו זייער עבודה־זרה. אזוי ווי דעם לעצטען טאג געבען נאך די ווילדע זייער קרבן אלע זיינע פארלאנגען, כדי זיין בלוט זאל זיין געשמאַ־

קער, וועט ער בעטען, אז יעדער זאל זיך לאזען בינדען די הענט מיט די פיס און ער זאל יעדען געבען איין גרויסן קלאפּ און איין קליינעם קלאפּ, מיט דעם קריגעל, וואס ער טרינקט די וואסער פון אים. דערביי האט ער אין דער שטיל גענומען אַ שטיין און באַהאַלטען אינוויניק אין קריגעל.

דעם לעצטען טאג האט ער זיי געזאגט וואס ער פאַרלאַנגט און זיי האבען מסכים געווען. ער האט זיי געבונדען, און דערלאַנגט מיט'ן קריגעל איינעם אַ שטאַרקען קלאַפּ, האט יענער זיך אַנגעהויבען קאַטשען פון ווייטאג און קריצען מיט די ציין.

— דו לאַכסט פון מיר, — האט ריש לקיש געזאגט —

— וואַרט אויס, דיר קומט נאך אַ קליינער קלאַפּ.

האט ער אים דערלאַנגט נאך אַ קליינעם קלאַפּ. און יענער איז געפאַלען טויט. און אַזוי אַרום האט ער אויסגעה'רג'עט ביז איינעם. ריש לקיש האט אויך געדינט ביי דער מלוכה צו כאפּען „גנבים־גזלנים", אַזוי ווי רבי אַליעזר ברבי שמעון, וועלכער האט גערעכענט „קוצים אני מכלה מן הכרם", — דאָס מיינט די רשעים „גיב איך ארויס".

אבער אַלע שלעכטע מעשים פון ריש לקיש איז פאַרגעקומען ביז וואַנען ער האט זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט ר' יוחנן. דערנאך איז ער שוין אַוועק אויפ'ן דרך הישר, תשובה געטאַהן און געוואָרפ'ן זיין פּראַפעסיע.

אזוי ווי אין די גמרא אין בבא מציעא פ"ד ווערט דערציילט:

איינמאל האט זיך ר' יוחנן געבאַדען אין ירדן, האט אים דערזעהן ריש לקיש. איז ער אויך אַריינגעשפּרונגען אין ירדן. די צוויי האבען זיך איינער דעם אַנדערען אַ ווײַלע אַנגעקוקט און באַטראַכט:

— מיט דיין כוח קען מען לערנען אַ סך תורה — האט ר' יוחנן געזאגט צו ריש לקיש.

— און דיין שיינקייט פּאַסט זיך פאַר פרויען. האט אים ריש לקיש געענטפערט.

האט רבי יוחנן געזאגט צו ריש לקיש אויב דו וועסט תשובה טאָהן, וועל איך דיר געבען פאַר אַ ווייב מיין שוועסטער וואס זי איז שענער ווי איך. ריש לקיש האט דעם פאַרשלאַג אַנגענומען.

ריש לקיש האט געוואָלט צוריק אַ שפּרונג טאָהן נעמען זיינע קליידער, האט ער ניט געקענט אַזוי אַ שפּרונג טאָהן ווי פריער, וואָרום ווי ער האט אויף זיך גענומען דעם עול התורה איז שוין שוואַך געוואָרען זיין כח. האט רבי יוחנן געלערענט מיט ריש לקיש תורה, נביאים, כתובים, משניות, ביז ער האט אים געמאַכט פאַר אַ גרויסען למדן. ריש לקיש האט זיך אויסגע־

צייכענט מיט זיינע גרויסע פעהיגקייטען און התמדה און איז אין גיכען באַרימט געוואָרען פאַר׳ן גרעסטען חריף.

צווישען די אמוראים ניט זעלטען פלעגט ער בייקומען אין וכוחים, אַפילו זיין געלערענטען שוואָגער. — רבי יוחנן האָט געהאַלטען אַז געזעצען דאַרפען זיך בייטען און ענטוויקלען און ניט שטעהן אויף איין אָרט. דע־ריבער האָט ער און זיינע חברים געמאַכט הוספות צו דער משנה, וועלכע איז אַליין אַ הוספה צום תנ״ך. דאָס איז געווען דער גרונדשטיין פון דער גמרא (תלמוד).

ר׳ יוחנן׳ס מיטהעלפער אין דער דאָזיגער אַרבייט איז געווען ריש לקיש.

רבי שמעון בן לקיש איז געווען זעהר פרום און האָט ליעב געהאַט פריי אַרויסצוזאָגען דעם אמת; ער האָט פיינד געהאַט צו געהן מיט ווייכע רייד און פלעגט אַפילו קיין כבוד ניט לייגען אויפ׳ן נשיא. ער האָט זיך ניט געשעמט אָפען אַרויסצוזאָגען אַז „איוב לא היה ולא נברא אלא משל היה״ — אַז איוב איז קיין מאָל אויף דער וועלט ניט געווען און איז ניט מער ווי איין משל און מוסר. ווי ווייט מען האָט אים שפּעטער געשעצט איז צו זעהן פון דער גמרא יומא ט׳, אַז ווער עס האָט גערעדט מיט ריש לקיש אין גאַס איז געווען שטאַרק באַגלויבט, אַז מען האָט אים געטרויט געלט אָהן עדות. די גאַנצע דעה אין ישיבת טבריה איז נאָר געווען ביי די אַמוראים, רבי יוחנן און רבי שמעון בן לקיש. פון בבל האָבען זיך אַנגעצויגען הונדערטער תלמידים וואָס פלעגען אַוועקוואַרפען ווייבער און קינדער און זיך אַוועק־לאָזען שעפּען תורה פון דער ערשטער ריינער קוואַלע. רבי שמעון בן לקיש איז אַפילו דערפון ניט געווען צופרידען און פלעגט אָפט שרייען אויף די פרעמדע ישיבה־בחורים: „געהט אייך! ווען איהר האָט געקאָנט באַשיצען ארץ ישראל זענט איהר געבליבען אין דער היים, וואָס זשע האָט איהר דאָ אַצינד צו טהון?״

זיין געשריי האָט אָבער ניט געהאָלפען. — פון ריש לקיש זענען גע־בליבען אין דער גמרא פיל הלכות און אגדות. ער האָט געזאָגט וועגען די וואָס שטראָפען אַנדערע: „קשוט עצמך תחילה ואחר כך קשוט אחרים״ — צוערשט זע צו זיין אַליין גוט און דעמאָלט שטראָפען אַנדערע. (בבא מציעא ק״ז); „די תורה האַלט זיך נאָר ביי דעם וואָס ברענגט זיך אום פאַר איר״ (שבת פ״ג); „אין אדם עובר עבורה אלאָ אם כן נכנס בו רוח שטות״;

ער האָט געזאָגט, אַז די נעמען פון מלאכים און חדשים האָבען אידען מיטגעבראַכט פון בבל (ירושלמי ראש השנה).

רבי יוחנן׳ס גאַנג איז שוין געווען גאָר איין אַנדערער; ער איז געווען פון דער נאַטור אַ ווייכער און האָט ליעב געהאַט אויסצוקומען מיט אַלע

מענשען. ער האט מתיר געווען מענער און פרויען צו לערנען גריכיש און אליין האט ער זיך אויסער תורה בעשעפטיגט מיט חקירה, און האט מודה געווען, אז די גריכישע פילאזאפיע האט געהאט א שטארקע פעולה אויף די פעלקער און האט צווישען זיי פארפלאנצט גוטע מידות. — ר׳ יוחנן האט אויך מודה געווען די גרויסקייט אין תורה פון ריש לקיש; ווען ריש לקיש איז ניטא אין בית־המדרש פעלט אים די רעכטע האנט. (סנהדרין פ״ב א) — און עולא האט געזאגט ווער עס זעהט ריש לקיש׳ן אין בית־המדרש איז גלייך ווי ער רייסט ארויס בערג און צומאלט זיי איינע מיט דעם צווייטען. (סנהדרין כ״ד).

* * *

אמאל האט מען געקריגט אין א דין אין בית־המדרש: א שווערד און א מעסער און א שפיז, וואס מען בראט אויף אים פלייש און א שפיז וואס מען האלט אין דער מלחמה צו שטעכען מיט אים, און א קליינער שערפ, וואס מען שניידט מיט אים תבואה. און א גרויסער שערפ (א קאסע) וואס מען שניידט מיט אים היי — ווען קענען זיי טמא ווערען, ווען זיי ווערען פארטיג. ווען ווערען זיי פארטיג? — רבי יוחנן זאגט, אז מען ברענט זיי אין פייער צום שטארקען זענען זיי שוין פארטיג. — ריש לקיש זאגט אז מען — בעגיסט אויף זיי קאלטע וואסער ווען מען נעמט זיי ארויס פון פייער דאמאלטס ווערען זיי פארטיג.

האט רבי יוחנן געזאגט צו ריש לקיש: — „א גזלען ווייסט זיינע גזלנישע כלים״! — ווייל דו ביסט געווען א גזלן ווייסטו ווען די כלים ווערען פארטיג. — האט ריש לקיש געזאגט צו רבי יוחנן וואס פאר א טובה האסטו מיר געטאהן? דארט ביי די גזלנים האט מען מיר גערופ׳ן רבי און דא רופט מען מיך אויך רבי. — רבי יוחנן האט געענטפערט ריש לקישן, איך האב דיר געטאהן א טובה, איך האב דיר געבראכט אונטער די פליגעל פון ג׳. איך האב דיר געמאכט פאר א איד. — רבי יוחנן איז געווארען אין צער פון די רייד פון ריש לקיש, איז ריש לקיש קראנק געווארען. איז געקומען די שוועסטער פון רבי יוחנן (די ווייב פון ריש לקיש) און האט געוויינט פאר רבי יוחנן, ער זאל בעט׳ן פאר ג׳ אויף איר מאן ער זאל לעבען. און זי האט געזאגט צו רבי יוחנן. טוה פון מיינע קינדער און בעט ג׳ מיין מאן זאל לעבען. האט רבי יוחנן געזאגט צו איהר, פארלאז דיינע יתומים איך וועל זיי דערנערען. טוה פון מיינעט וועגען איך זאל ניט בלייבען אן אלמנה. האט רבי יוחנן צו איר געזאגט, אז דו וועסט בלייבען אן אלמנה וועסטו דיך אויף מיר פארזיכערען. איז רבי שמעון בן לקיש גע־שטארבען. —

דערנאך האט רבי יוחנן געהאט גרויס צער פאר וואס דורך אים — איז ריש לקיש געשטארבען. האבען די רבנן געזאגט, ווער פון אונז זאל גיין

באַרוהיגען רבי יוחנן? איז געבליבען אַז רבי אַליעזר בן פדת זאָל גיין, ווייל ער איז אחריף, און אַ גרויסער למדן, וועט ער שוין וויסען וואָס מיט אים צו ריידען. איז רבי אַליעזר געגאַנגען צו רבי יוחנן און געזעסען פאַר אים. אויף יעדער זאַך וואָס רבי יוחנן האָט געזאָגט, האָט רבי אַליעזר געזאָגט צו אים: — „מיר האָבען געלערענט אַזוי ווי דו זאָגסט. האָט רבי יוחנן געזאָגט צו רבי אַלעזר: — ביסטו דען אויך אַזוי ווי דער זון פון לקיש: איך פלעג זאָגען אַ זאַך, האָט ער מיר געפרעגט פיר און צוואַנציג קשיות. און איך פלעג אים ענטפער׳ן פיר און צוואַנציג תירוצים. פון דעם פלפל פלעגט דערברייטערט ווערען דער דין. און דו זאָגסט מיר האָבען געלערנט אַזוי ווי דו זאָגסט. ווייס איך דען אַליין ניט אַז איך זאָג גוט.

איז רבי יוחנן געגאַנגען און האָט צוריסען זיינע קליידער און האָט געוויינט און געזאָגט: „וואו ביסטו זוהן פון לקיש? וואו ביסטו זוהן פון לקיש? און ער האָט אַזוי לאַנג געשריען, ביז זיין פאַרשטאַנד איז פון אים אַוועקגעגאַנגען: און ער איז משוגע געוואָרען. האָבען די רבנן געבעט׳ן ג׳, פון זיינט וועגען און ער איז געשטאָרבען. (בבא מציעא פ״ד).

* * *

פון אויבען דערמאָנטע נאָך אַלע קאָמענטאַרען זעהען מיר אַרויס, אַז רבי יוחנן און ריש לקיש זיינען גרויסע ליכטיקע פּערזענליכקייטען אין דער אידישער היסטאָריע. זיי אין זייערע חברים אמוראים האָבען געמאַכט הוספות צו דער משנה און האָבען מיט דעם אַוועקגעלייגט דעם גרונדשטיין פון דער גמרא (תלמוד). שלום האָט געהערשט צווישען די אמוראים, וועלכע האָבען געפלאַכטען די גאָלדענע קייט פון דורות. — אָבער צום סוף, מעשה שטן, איז פאָרגעקומען אַריס צווישען רבי יוחנן און ריש לקיש. — איבער קנאת־סופרים. ריש לקיש האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע געניאַלע פעהיג־קייטען און ניט זעלטען פלעגט ער בייקומען אין וכוחים זיין געלערנטען שוואָגער רבי יוחנן. אָט דאָס האָט אַרויסגערופען קנאה ביי ר׳ יוחנן צו ריש לקיש.

בעת מען האָט געקריגט אין „ אַ דין״, אין בית־המדרש וועגען אַ שווערד, אַ מעסער, אַ שפיז וכ׳, ווען זיי קענען טמא ווערען, ווען זיי ווערען פאַרטיג. האָט רבי יוחנן געזאָגט, אַז מען ברענט זיי אין פייער צום שטאַר־קען זיינען זיי שוין פאַרטיג. אָבער ריש לקיש האָט זיך פּינקטליכער אויס־געדריקט, אַז מען — באַגיסט אויף זיי קאַלטע וואַסער, ווען מען נעמט זיי אַרויס פון פייער. דאַמאָלסט ווערען זיי פאַרטיג.

דאָס אַלעס האָט אַרויסגערופען ביי ר׳ יוחנן קנאת־סופרים, זעהענדיג ווי ריש לקיש מיט זיינע חריפות און התמדה דערגרייכט די העכסטע מדרגה

אין תורה לערנען. און ביי דעם „דיך״ וועגען וועלכען מען האט געקריגט, האט זיך ארויסגעכאפט ביי ר׳ יוחנן א שלעכטערווארט אויף ריש לקיש: „א גזלן ווייסט זיינע גזלנישע כלים״!

די געציילטע שארפע ווערטער פון ר׳ יוחנן זיינען געווען גלייך ווי מען ווארפט אריין א שוועבעלע אין א קייפל פולווער, וואס עס רייסט אויף: ריש לקיש איז געווען איבעראשט פון רבי יוחנן׳ס רייד, וועלכע האבען געשטאכען ווי א שווערד און וועלכע דערמאנען אים אן עפעס.

ריש לקיש האט ניט געקאנט מוחל זיין על כבודו.

פון דאמאלסט אן איז די פריינדשאפט צווישען די צוויי גרויסע ריזען פארשוואונדען. — ריש לקיש איז קראנק געווארען פון צער און איז גע־שטארבען.

א שרעקליכע מרה שחורה האט ארומגעכאפט רבי יוחנן נאכ׳ן טויט פון ריש לקיש. ער האט געפילט אז איבער אים איז ער געשטארבען; אין דער אמתן האט רבי יוחנן ליעב געהאט ריש לקיש ווי אן אייגען קינד. רבי יוחנן האט צוריסען זיינע קליידער, געוויינט און געשריען: „וואו ביסטו זוהן פון לקיש? וואו ביסטו זוהן פון לקיש?״ ער איז פון עגמת־נפש אראפ פון זינען און געשטארבען. אלזא, זעהן מיר ארויס פון דעם: „כי החיים והמות ביד הלשון״ — טויט און לעבען איז אין דעם מענשען׳ס צונג.

* * *

מען דערציילט, אז א דייטשער איד וואס האלט פאר׳ן קומען אין ארץ ישראל שרייבט צו זיין פריינט קיין תל־אביב: כ׳בעט דיר, זיי זיך מטריח און בע־רייט מיר פאר א דירה, אבער געדענק למען השם, נאר ניט אין קיין אידישער געגענט.

* * *

א גלייכע עצה.

צו א גוטען אידען קומט אריין א איד א גביר און איז אים מכבד מיט א ציגאר. זאגט דער רבי: „איך רויכער ניט, און איך וואלט אייך אויך גע־ראטען ניט צו רויכערען״. טענה׳ט דער גביר, אז פאר אים איז רויכערען א פארגעניגען. מחמת ווען ער כאפט אריין אן איבעריגען ביסען, פאררויכערט ער און עס ווערט אים גרינגער. דערווייל קומט אריין אן ארעמער באלעבאס און רויכערט אויך. דער רבי הייסט אים אויך אויפגעבען דאס רויכערען, נאר דער ארעמאן טענה׳ט, אז ווען ער איז הונגעריג און ס׳כאפט אים אן ביים הארצן, פאררויכערט ער און פארגעסט וועגען עסען.

— אויב אַזוי, — מאַכט דער רבי, — איז ווען דער נגיד זאָל אָפּ־געבען דעם אָרעמאַן זיין „איבעריגען ביסען", וואָלט איהר דאָך ביידע פּאַר־שפּאָרט צו רויכערען.

* * *

אַ בינטעל דרשות אויף אידישע שמחות.

(הדרשה אשר דרשתי על חתונת בני).

חתן, כלה, מחותנים און פריינד!

אין שיר השירים ווערט געזאָגט: צאנה וראנה בנות ציון במלך שלמה בעטרה שעטרה לו אמו ביום חתונתו וביום שמחת לבו — גייט ארויס איהר ציונ׳ס טעכטער און דערלאַנגט א קוק אויף שלמה־המלך, אויף דער קרוין וואָס די מוטער האָט אים באַקרוינט אין טאָג פון זיין חתונה, אין טאָג פון די פריילינקייט פון זיין הארצען.

— און דאַמאָלסט האָבען, ניט נאָר קייסרים אַליין געטראָגען קרוינען, נאָר אַלע חתנים האָבען געטראָגען קרוינען צו זייער חתונה און די קרוינען האָט זיך גערופען „עטרת־חתנים". חתונות זענען פאָרגעקומען אין די צייטען פון בית־המקדש אין שער בית־המקדש וואָס שלמה־המלך האָט אויפ־געבויט. דאָרטען פלעגען זיך צונויפזאַמלען די תושבי ירושלים און די זקני־ירושלים און פלעגען בענטשען דעם חתן און כלה. און ניט נאָר חתנים פלעגען טראָגען קרוינען צו דער חופה, נאָר אויך כלות, אַזוי ווי די גמרא זאָגט אונז אין (גיטין ז׳), העשיר עשה מזהב והעניים מענפי־עץ עבות — די רייכע פלעגען באַצירען זייערע טעכטער מיט גאָלדענע קרוינען, און די אָרעמע פלעגען פלעכטען קרוינען פאַר זייערע טעכטער פון מירט׳ן און פון די דיקע צווייגען פון די בוימער צו באַפּוצען, צו באַשיינען און צו באַצירען זייערע טעכטער צו דער חופה. נאָר נאָכ׳ן חורבן ירושלים איז די „עטרת־חתנים אָפּגעשאַפט געוואָרען, אָבער אַלע מנהגים, טראַדיציעס און צערע־מאָניעס זיינען פאַרבליבען עד היום, יען כי חתונה זה הוא ענין היותר נכבד והיא המצוה הראשונה בתורה: „פרו ורבו". — און אונזערע חכמים טראַכטען זיך אַריין אין דעם „ענין" און זעהן וואָס מער פרייד אַרויסצו־רופען ביי חתן און כלה. אַזוי ווי די גמרא זאָגט אין כתובות: כיצד מרקדין לפני הכלה בית־שמאי אומרים כמות שהיא - מקלסין אותה לפי יפיה וחשובתה, ובית הלל אומרים: כלה נאה וחסודה, חוט של חסד משוך עליה. ווי טאַנצט מען פאַר אַ כלה? און וואָס פאַר אַ שבח זאָגט מען פאַר איהר?

מען לויבט איהר נאָך איהר שיינקייט נאָך און נאָך איהרע חשיבות. און בית־הלל זאָגט, אַז מען זאָגט אויף איטליכע כלה „כלה נאה וחסודה"

איין טיטול פאַר אַלעמען גלייך. און ווען די כלה נאה וחסודה שטייט אונטער דער חופה, מיט׳ן ווירדיגען חתן, זאגט ער צו איהר: „הרי את מקודשת לי בטבעת זו״ — איז דאן פאַרלאַנגט פון זיי דער אַלמעכטיגער ג׳: ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם — מאַכט מיר פון אייער הויז אַ מקדש, וועל איך רוען אין אייערע פיר ווינקלאַד און וויסט איהר ווען עס קען מקויים ווערען, אַז זאָל ביי אייך רוען די שכינה, כדת משה וישראל, ווען איהר וועט זיך פיהרען נאַך די געזעצען פון משה רבנו און נאַך די מנהגים פון אונזער פאָלק ישראל.

און אַז דאַס הויז זאָל ווערען אַ מקדש ווענדעט זיך אין גאַנצען אַן דער פרוי. אַן די עקרת־הבית; און ניט אומזיסט האָבען די חכמי־התלמיד, געדרופען די נעמען פון זייערע פרויען אויף דעם נאָמען פון הויז, אַזוי ווי די גמרא זאָגט אין שבת (קי״ח, עמוד ב׳) אמר רבי יוסי מימי לא קריתי לאשתי אשתי, אַלאַ לאשתי ביתי, וואָרום די פרוי די עקרת־הבית, איז דער פונדאַמענט פון פאַמיליען לעבען. ווען די פרוי איז אַ גאַטס פאַרכטיגע פאַרבלייבט דער שבת־קדש שבת פאַר אבן־בית אין הויז, כשרות, טהרת המשפחה — דאַס איז די דריי זיילען אויף וואָס עס האַלט זיך אויף דער אידישער עקזיסטענץ.

מורי ורבותי! ווען מיר קוקען זיך צו צום חתן וכלה דערמאַנען מיר זיך אַן דעם משל, וואָס די גמרא זאָגט אונז אין (פסחים מ״ט): „ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל״ — ווען מען נעמט אַ צווייגעלע פון דעם ווייַנשטאָק־בוים און מען פאַרפלאַנצט עס אין אַ צווייטען ווייַנשטאָק־בוים איז עס אי שעהן, אי עס נעמט זיך צו. — ווען מ׳נעמט אַזאַ שעהנע צווייג ווי די כלה־מרת שיינדל דייטשער — וואָס קומט אַרויס פון אַן ערהאַבענעם ווייַנשטאָק, און מ׳פאַרפלאַנצט דאַס אין אַ צווייטען ווייַנשטאָק־בוים, ווי דער ווירדיגער חתן־מר אשר־שמריהו — איז פון זעכצען דורות רבנים, דער אוראייניקל פון דעם באַוואוסטען צדיק און גאון ר׳ יצחק ציוני זצ״ל בעל המחבר: „עולת־יצחק״, אשר היה רב אבד בעיר רעזיצאַ פלד וויטעבסק ארבעים ושתים שנה ונכד העלוי ר׳ שמריהו זצ״ל — און דער ווירדיגער חתן האָט יחוס עצמו: ער איז אַ שומר שבתניק, ליעב זיין לאַנד און תורה. גענאָסען פון וועלטליכע בילדונג, פאַרהיט דעם אידישען כבוד און אויסגעצייכענט זיך מיט אַ מעדאַל פון קיסר אויף דער מלחמה. צייכענט זיך אויס מיט גרויסע פעהיגקייטען אין ביזנעס, און דער עיקר אַ לב טוב יותר מכלם — האָט אַ טייערע נשמה: אַלזאָ, איז דאָס ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל — איז דאָס שיין אי פאַר ג׳ אי פאַר לייטען.

דריי זיינען געווען: נח, דניאל און איוב, וועלכע זיי האָבען צוגעזעהן ווי די וועלט ווערט חרוב און די וועלט ווערט צוריק אויפגעבויט; אַזוי ווי זיי — אַזוי אויך דער דור החדש האָט צוגעזעהען ווי דאָס וועלט ווערט חרוב און די וועלט ווערט צוריק אויפגעבויט. — דאָס יונגוואַרג האָט זיך צוגעקוקט

מעבר לים ווי די וועלט ווערט חרוב, האבען זיי זיך אריינגעווארפען אין פייער און אין פלאם פון דער מלחמה צו פארניכטען דעם שונא־עולם. און דורך זייער זכות האט ג׳ געהאלפען, אז די שארית־הפליטה איז געבליבען לעבען ועם־ישראל חי! — איז אין דעם מאמענט, ווען א מיטגליד פון דור החדש האט חתונה, איז דאס ניט נאר אונזער שמחה אליין, נאר די שמחה פון גאנצ׳ן כלל ישראל, ווארום דער חתן און דער דור־החדש האבען גע־קעמפט פאר אידישען עקזיסטענץ. אלזא ווינטשען מיר חתן כלה, עס זאל הערשען ביי זיי: שמחה, גילה, רנה, דיצה וחדוה; יתן ד׳ האשה הבאה אל ביתך כרחל וכלאה אשר בנו את בית ישראל. ותזכו לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות. ותודה גדולה לכל המסובים והאורחים אשר באו בצל קורתנו לשמח את החתן ואת הכלה ובזכות זה נגיל ונשמח על שמחת בניכם ובנותיכם - אמן.

* * *

(הדרשה אשר דרשתי על התנאים של בתי).

אורחים נכבדים!

עס איז א גרויסער אונטערשייד צווישען די שדוכים פון אמאל אין אלד־קאנטרי און די שדוכים פון אמעריקע. אין אלד־קאנטרי פלעגען שדוכים געשלאסען ווערען דורך שדכנים, אהן א שדכן פלעגט מען זיך ניט רירען פון ארט. איך געדענק אין רעזיצא, וויטעבסקי גובערניע אין מיין שטאדט — בעת איך בין געווען נאך א בר־מצוה — אינגעל — איז געווען אין דער אלטער היים א איד א שדכן ר׳ קלמן. א איד מיט א הדרת פנים מיט א בארד און פאות. א שמייכל פלעגט שוועבען אויף זיינע ליפען, א ליעבע געזיכט. איינמאל איז ער אריינגעקומען צו אונז אין הויז מיט א ברייטען „גוט־אווענט" און געפרעגט די שוועסטער צו דער טאטע מיט דער מאמען זענען אין הויז? — די שוועסטער האב׳ן געענטפערט „יע" — זיי האב׳ן זיך פארוויטעלט, זיי האבען פארשטאנען נאך וואס ער איז געקומען . . . זיי האב׳ן פארלאזען אויף א ווייל די הויז . . .

דער טאטע מיט דער מאמען מיט׳ן שדכן האב׳ן זיך געזעצט ביי א גלעזל טיי, און עס האט זיך אנגעהויבען א שמועס . . .

אזוי ווי דער חתן וואוינט ווייט פון אונזער שטאדט און אים איז שווער צו פארלאזען די ביזנעס. אלזא, זאלען זיך צונויפקומען זיך זעהן אין מיט׳ן וועג.

און אזוי איז טאקע פארגעקומען, מען האט זיך געזעהן, חתן, כלה, זיינען זיך געפעלען געווארען. מען האט געשריבען תנאים און באשטימט אין וועלכען טאג עס זאל זיין די חתונה.

דאַ אין אַמעריקע קומט פאַר אַ שדוך אַזוי:

בחורים און מיידלאַך באַקאַנען זיך אויף „אַ דענס" און, אַז זיי געפעלען זיך גיט דער בחור „אַ רינג" דער מיידעל און מען ווערט חתן־כלה; אָבער אין דער אמת'ן איז דאַ אין אַמעריקע אויך אַ שדכן. איהר קענט אים אַלע אונזער אַלעמענס אַ קרוב: קרב ד' לכל קוראיו — דאָס איז דער רבנוש'ע — ער איז דער מזווג זווגים אַזוי ווי חז"ל זאָגען: „אמר רב יהודא אמר רב: ארבעים יום קודם יצירת הולד בת־קול יוצאת ואומרת בת פלוני לפלוני. (סוטה ב, עמוד א') אמר רב יהודא אמר שמואל: בכל יום ויום בת קול יוצאת ואמרת בת פלוני לפלוני. (מועד קטן יח, עמוד ב).

מען דערציילט, אַז מיט דערציילונג די לעגענדע האָט דער פילאָזאָף משה מענדעלסאָן געוואונען זיין כלה. משה מענדעלסאָן איז געזעסען יומם ולילה על התורה ועל־העבודה און דער רוקען איז אים אויסגעקרימט געוואָרען און ער האָט באַקומען אַ הויקער. אַלס מענעדזשער האָט ער געפירט אַ גרויסען געשעפט פון אַ פאַבריקאַנט און דער בעל־הבית איז געווען אייבערראשט פון זיין שכל־הישר און פעהיגקייטען אין מסחר, האָט ער אים געוואָלט פאַר „אַ חתן" פאַר זיין טאָכטער. די מיידל איז געווען אַ שיינהייט און מענדעלסאָן האָט געוואָלט דעם שידוך. די מיידעל האָט אָבער ניט געוואָלט — אַ בחור מיט אַ הויקער . . . דער קלוגער פילאָסאָף מענדעלסאָן האָט איהר דערציילט די לעגענדע: מען האָט אויסגערופען אויפ'ן הימעל אַז דו באַלאַנגסט צו מיר, האָב איך געזאָגט אַז איך וויל דיר זעהן: האָב איך דיר דערזעהן און זיך דערשראָקען: אַ פרוי מיט אַ הויקער. — האָב איך געזאָגט רבונוש"ע עס איז דאָך אַ רחמנות, זי איז דאָך אַ פרויענצימער, גיב מיר איבער איהר הויקער צו מיר . . . און מען האָט צוגעהערט מיין געבעט. איצט איז אַזוי, אויב דו ווילסט ניט לאָמיר זיך בייטען . . .

איהר איז געפעלען געוואָרען זיין דערציילונג און עס איז געשלאָסען געוואָרען דער שידוך.

דער מדרש דריקט זיך אויס בולטער וועגען „בת פלוני לפלוני" — אַ רוימישע פּריצ'טע האָט געפרעגט רבי יוסי בר חלפתא. אין וויפיל טעג האָט ג' באַשאַפען די וועלט? —

— אין זעקס טעג!

— וואָס טוט ג' פון יענעם טאָג אַז ביז היינט?

— ער איז מזווג זווגים, יענעמ'ס טאָכטער באַלאַנגט צו יענעם. זאָגט רבי יוסי בר חלפתא.

— זאָגט די רוימישע פּריצ'טע, אויב אַזוי, קען איך אויך אַזוי טאָן: איך האָב פיל דינער און דינסטען און קען זיי משדך זיין אין איין שטונדע.

— אויב עס איז גרינג פאַר דיר די זאַך, איז דאָס אָבער פאַר ג׳ זייער אַ שווערע זאַך כקריעת ים סוף. איז ער אַוועקגעגאַנגען.

— וואָס האָט זי געטאָן? זי האָט צונויפגעזאַמעלט טויזנט דינער און טויזנט דינסטען און זיי צונויפגעשטעלט אין שורות. און זי האָט געזאָגט צו זיי: דער זאָל נעמען די, און יענער זאָל נעמען יענע, און האָט זיי געפּאַרט, חתונה געמאַכט אין איין אָוונט.

אויף מאָרגען אין דער פריה האָט זיך אויפגעהויבען אַ גרויסער טומעל. אַלע דינער מיט זייערע פרויען זיינען געקומען פאַר איהר, פילע פון זיי זיינען געווען צושלאָגענע און צובײַלטע, זיי האָבען געשריען אין פראָטעסטירט, אַז זיי ווילען פטור ווערען איינע פון די אַנדערע.

דאַן האָט זי געשיקט רופען רבי יוסי בר חלפתא און אים געזאָגט: איצט זעה איך, אַז אייער תורה איז ריכטיג, נאָר ג׳ קען מזווג זווגים זיין. — גוט און שיין איז אַלעס וואָס דו האָסט געזאָגט. (ויקרא רבה פרק ח, א).

זעהן מיר פון דערפון אַרויס, אַז אַ שדוך איז דורך ג׳ מד׳ יצא הדבר הזה.

עס איז דאַ אויפ׳ן גרונט פון ים אין פילע ערטער דיימאַנטען, בריליאַנטען, לאָזט מען אַראָפּ אַ „דייווער״ און ער געפינט דאָס אויס, זאַמעלט צונויף און ברענגט עס אַרויף. אַזוי איז דאַ אין ים־החיים שיינע בחורים און שיינע אידישע טעכטער, האָט זיך יעקב־קאָרענשטיין דער חתן אַראָפּגעלאָזען צום גרונט פון ים־החיים און אויסגעפונען אַ דיימאַנט — מאַשע — אַ שיינע, יונגע, קלוגע, געראָטענע אידישע טאָכטער. אויך דער ווירדיגער חתן האָט גענאָסען פון וועלטליכער ־בילדונג, אַ נאַציאָנאַליסט, ליעב זיין לאַנד, פאָלק און תורה. געקעמפט אין דער מלחמה אַנקעגען שונאי־ישראל. אַלזאָ ווינשען מיר זיי אַ האַרציגען מזל טוב! און איך אַלץ פאָטער, גיב אייך מיין ברכה, די בעסטע ברכה אין דער וועלט: שלום, שלום בית — דאָס איז די גרעסטע ברכה. דאַן ווען עס איז שלום בית איז דער בעכער פון לעבען זיס, ליעב, טייער, דער הויפּט יסוד פון דער אידישער עטיק איז שלום, הלל הזקן לערנט אונז: „אוהב שלום ורודף שלום״; — דער תנא רבי שמעון בן גמליאל: (אבות א׳) זאָגט: על שלשה דברים העולם קיים על האמת ועל הדין ועל השלום — שלום איז איינע פון די דריי זאַכען אויף וואָס די וועלט שטייט — איז שלום — שלום צווישען מאַן און ווייב, שלום צווישען מענשן, שלום צווישען מלוכות דאַרף הערשען. מען זאָל זיך ניט רייסען און ניט בייסען איינער מיט׳ן צווייטען. אַלזאָ וועט הערשען „שלום״ ביי חתן וכלה און כל־ישראל — גלה רנה דיצה וחדוה, ווייל זייער לעבען איז געבונדען פון שלום רעות אהבה ואחוה. אמן.

* * *

דרשה לברית מילה.

בשעה שאמר הקב״ה לאברהם למול, הלך ונמלך בג׳ אוהביו. וכ׳ — בשעת ג׳ האט געזאגט אברהם׳ן ער זאל זיך מל זיין, איז ער אוועקגעגאנגען צו זיינע דריי פריינד זיך מישב זיין וואס צו טאן. זאגט צו אים ענר: „דו ביסט דאך א מאן פון הונדערט יאהר וועסטו זיך איצט מצער זיין, דאס וועט פארקירצען דיינע יאהרען, הער זיך ניט צו! — זאגט צו אים אשכול: „וואס מאכסטו זיך פאר אן אויסנאם צווישען אלע פעלקער, קיינער איז ניט גע׳מלט און דו וועסט זיין גע׳מלט, נאכ׳ן צייכען פון דיין קערפער וועט מען דיר דערקענען, אז דו ביסט א איד און מען וועט דיר פארפאלגען, טו דאס ניט״!

— זאגט ממרא: „הער ניט צו, אברהם, וואס ענר און אשכול זאגען דיר, דיין ג׳ וואס האט דיר געראטעוועט פון כבשן האש, פון פייער און פלאם, פון די מלכים, וואס דו האסט זיי גובר געווען און אויך געראטעוועט דיר פון הונגער, וועסטו אים ניט פאלגען? — ג׳ טוט דאס פון דיין טובה וועגן, כדי דו זאלסט בלייבען אן אייביג פאלק אויף דער וועלט״!

האט ג׳ געזאגט צו ממרא, ווי באלד אזוי, אז דו האסט צוגערעדט אברהם׳ן ער זאל זיך מל זיין תייך, אז איך וועל זיך ניט באווייזען אין די פאלאצען פון ענר און אשכול, זייערע פאלאצען וועלען זיין א נעסט פון טומאה און חציפות, די שכינה וועט רוען אין דיינע פאלאצען! הה״ד וירא אליו ד׳ באלני ממרא. (בראשית רבה פ׳ מ״ב ו׳).

מורי ורבותי! עס איז שוין פון יענער צייט אוועק טויזענטער יאהרען, און א קליין טייל אסימילאטארען ווי ענר און אשכול זיינען פארבליבען אין איטליכען דור ביי אונזער פאלק. איך געדענק אלס אינגעל, אז אמאל איז ארויסגעטראטען אנטקעגען מילה א באוואוסטער טאלאנטפולער שרייבער. ער האט זיך געווענדעט צו די אידישע צייטונגען מיט זיינעם א מאמר, האבען זיי ניט אנגענומען. האט ער זיך דאן געווענדעט צו א פוילישע אנטיסעמיטישע צייטונג און מען האט מיט שמחה אפגעדרוקט דעם מ„אמר״ אין וועלכען ער פאלט אן אויף אידען, אז מיר זיינען קאניבאלען, אזיאטען, וואָרום גלייך אויפ׳ן 8 טאג ווי דאס קינד ווערט געבוירען שניידען מיר פון אים אפ אן אבר . . .

— אנטקעגען דעם שרייבער — אסימילאטאר זיינען ארויסגעטראטען פילע שרייבער און דער באוואוסטער העברעאישער שרייבער בוקי בן־יגלה — דר. קאצענעלענסאן פון פעטערבורג.

— דר. קאצענעלענסאן האט אנגערופען דעם אסימילאטארישען שרייבער — „עם־הארץ״, ער האט אויפגעוויזען, אז פון שטאנדפונקט פון מעדיצין מוזען מיר אידען מקיים זיין „מילה״ — „ווען עס קומען צו מיר, זאגט

דר. קאצענעלענסאן, צוויי פאציענטען — קראנקע — א איד און א קריסט, איז דעם אידען הייל איך אויס פון זיין ווענערישע קראנקייט אינגאנצען, אבער דעם קריסט הייל איך אויס ניט אינגאנצען. עס פארבלייבט ביי אים א כראנישע קראנקייט. ניט קוקענדיג אויף דערויף וואס איך שטריינג אן מיין גאנצע ענערגיע, אבער מיין מיה איז אומזיסט, ווייל ער איז ניט קיין גע׳מלעטער. אלזא איז ניט אומזיסט האט ג׳ געזאגט: „בן שמונת ימים ימול לכם כל זכר״ — און א טייל קריסטען זענען שוין פאר דער לעצטער צייט מל זייערע קינדער צוליעב געזונטהייט״. —

מיר אידען האבען אלע מאל געקעמפט פאר מילה: בעת אידען זיינען ארויס פון מצרים זענען זיי געווען אלע גע׳מלעט און בעת זיי זענען אריין פון מדבר קיין גליל איז דער טייל אידען וואס זיינען ניט גע׳מל׳עט האט זיי ישוע גע׳מל׳עט אין גליל. נאך איידער מען האט איינגענומען יריחו. אין די צייטען פון אחב׳ן און איזבל די מרשעת מיט זייער כנופיה — איז געווען פון זיי פארבאטען מילה, האט געקעמפט אנקעגען זיי אליהו הנביא; חז״ל דערציילען אז די מפתחות של גשמים איז געווען אין די הענט פון נביא, האט ער תפלה געטאהן, אז עס זאל ניט זיין קיין רעגען און דאס האט געווירקט אויף אחב׳ן. — פאר אליהו׳ס קנאה פאר מילה — האט אים ג׳ געזאגט: „חייך, אז ווען אידען וועלען מקיים זיין מצות מילה איז ביי איטליכען ברית וועט מען אויסרופען: זה כסא של אליהו הנביא און דו וועסט זיין דערביי — דיין גייסט וועט זיין דערביי.

אין די צייטען פון ר׳ שמעון הנשיא איז געווען פארבאטען מילה פון א רוימישען קיסר. איז דאמאלסט ביי ר׳ שמעון הנשיא געבארען געווארען א אינגל. און ניט קוקענדיג אויף גזרת־המלך האט אים ר׳ שמעון מל געווען. איינער פון קייזערליכער פאמיליע האט דאס באמערקט, וועלכער איז גראד דאן מיט א צופאל אריין אין הויז אין צייט פון ברית. ער האט גע׳מסר׳ט דעם קיסר אויף ר׳ שמעון הנשיא, אז ער האט עובר געווען אויף גזרת־המלך.

דאן האט דער קיסר באפעלען, אז שמעון הנשיא מיט זיין פרוי און קינד זאלען קומען צו אים.

שמעון־הצדיק׳ס פרוי האט אויסגעגאסען איהר ביטערע הארץ פאר א פריינדינע א פריצ׳טע. פארן אוועקגיין צום קיסר האט די פריצ׳טע רחמנות געהאט אויף איהר, און האט איהר געגעבען אן עצה: „נעם מיין קינד אנטי־נינוסן צום קיסר, וועלכער איז געבארען געווארען אין איין צייט מיט דיינעם און דיין קינד לאז ביי מיר״. — זי האט אזוי געטאן.

דער קיסר האט אריינגערופען דעם מסור און געזאגט אים ווארום האט ער געמאכט א בלבול אויף ארענטליכע מענשען? — האט ער זיך פארענט־פערט און געזאגט, אז ער האט אליין געזעהן ווי מען האט אים גע׳מל׳עט,

נאר ג׳ טוט ניסים מיט די אידען — דאן האט דער קיסר מבטל געמאכט די גזרה. — אלזא זעהן מיר, אז אידען האבען זיך אלע מאל מוסר נפש געווען פאר מילה. ווארום מילה איז דער יסוד פון אונזער אמונה און ג׳ ווארט: „בן שמונת ימים ימול לכם כל זכר״, וועט בלייבען אויף אייביג. (תוספת ע״ז ג׳).

* * *

דרוש לפרשת „שקלים״.

כי תשא את ראש בני ישראל לפקודיהם ונתנו איש כפר נפשו וכ׳; שקל־בגמטריה־נפש — אז דו וועסט וועלען אנפאנגען די צאל פון די קינדער ישראל צו זייער צאל, זאלסטו זיי ניט ציילען מענשען ווייס, נייערט איט־ליכער מענש פון זיי זאל געבען א האלבען שקל איין אויסלייזונג פאר זיין נפש צו ג׳ און וועסט ציילען די שקלים וועסטו וויסען די צאל פון די ישראל; און עס וועט אין זיי ניט זיין קיין מארד, אז דו וועסט זיי ציילען דורך די שקלים. (שמות, כי תשא).

איז דאך א פראגע ווארום טאר מען ניט ציילען? איז דער ענטפער עס איז א סכנה. איזן דאך ווייטער א פראגע, ווארום איז דאס א סכנה? — וועלען מיר דאס ארומריידען. — דוד המלך האט געוואלט אויסציילען די אידען און געגעבען אצו צו יואב׳ן אויסצוציילען די אידען, מדן ועד באר שבע. — האט יואב געזאגט צו דוד׳ן: לאז ג׳ געבען, אז די אידען זאלען זיין אין הונדערט מאל מער וויפיל זיי זענען איצט, מען דארף ניט ציילען.

עס האט אבער ניט געהאלפען. מען האט אויסגעציילט אלע אידען אן שקלים. — און דאס הארץ פון דוד האט איהם געקלאפט נאכדעם, אז ער האט געצעהלט דאס פאלק. און דוד האט געזאגט צו ג׳: איך האב זעהר געזינדיגט מיט דעם, וואס איך האב געטאהן, און יעצט א ג׳ נעהם אוועק די שולד פון דיין קנעכט, דען איך בין געווען זעהר נאריש. און דוד איז אויפגעשטאנען אין דער פריה, און דאס ווארט פון ג׳ איז געוועזן צו דעם פראפעט גד, דוד׳ס נביא, אזוי: געה און רייד צו דוד: אזוי זאגט ג׳; איך לייג דיר פאר דריי זאכען, וועהל דיך אויס איינע פון זיי, אז איך זאל עס צו דיר טאהן.

און גאד איז געקומען צו דוד און ער האט איהם אנגעזאגט, און ער האט צו איהם געזאגט: זאל צו דיר קומען זיבען יאהר הונגער אין דיין לאנד? אדער, אז דו זאלסט מוזען לויפען דריי מאנאט פאר דיינע פיינד, און ער זאל דיך נאכיאגען? אז עס זאל זיין דריי טעג א דבר (פעסט) אין דיין לאנד? יעצט איבערלעג זיך און זעה וואס איך זאל ענטפערען צו דעם וואס האט מיך צו דיר געשיקט.

— דוד האט געענטפערט: עס איז מיר זעהר לייד, דאך וועלען מיר בעסער פאלען אין דער האנט פון ג׳, דען זיינע דערבארעמונג איז גרויס, אבער אין די הענט פון מענשען וויל איך ניט פאלען. איז געווען א דבר רחמ״לצלן און עס זענען געפאלען 70 טויזענט מאן. זעהן מיר פון דערפון, אז דאס איז א סכנה.

איז דאך א וואונדער צי דען האט דוד המלך ניט געוואוסט די פרשה שקלים, אז מען טאר ניט ציילען. — נאר דא איז פארגעקומען אזוי: דוד המלך, דער נעים זמירות ישראל, האט זיך מוסר נפש געווען פאר זיין פאלק, און לאנד, ,,ישראל״ אונטערטאן געמאכט אלע שונאי־ישראל — און די פרומע ספרים שרייבען, אז לעתיד לבוא וועט מען מעגען ציילען אן מחצית־השקל. ווארום דאס פאלק וועט נתעלה ווערען במדריגת קדושה עליונה — האט דוד המלך געמיינט, אז הוגיעו עקבתי דמשיחה, און מען מעג ציילען אן מחצית־השקל. ער האט געטראכט, אז דאס פאלק איז שוין צוגעגאנגען צו א מדרגה העליונה. האט ער געבראכט דאס פאלק צו אנסיון, און צו אנסיון קען נאר ג׳ אליין ברייגנען, אבער ניט קיין מענש. — זעהן מיר ארויס, אז דאס איז א סכנה.

— אבער, ווארום איז דאס א סכנה?

גיט אויף דערויף א משל דער דובנער מגיד: עס איז געווען א מאן וואס האט אנגעליגען באלקענס, קלעצער און אויסגעסטראיעט א הויז און קיי־נעם א סענט ניט געגעבען. די בעלי־חובות נעבאך געהן ארום שטוב און קענען גארנישט איינמאנען פון זייערע חובות. איינמאל איז אים איינגע־פאלען א געדאנק איבערצוסטראיען די הויז אויף א שענערען אויפן. ער דער שווינדלער האט געהייסען צוריענען די הויז. דאן זענען געקומען די בעלי־בתים פון די באלקענס און צונומען די באלקענס. דער בעל־דבר האט דאן קיין חוצפה ניט געהאט זיך צו שטעלען אנטקעגען זיינע איינמאנער.

אזוי איז מיט אונזער פאלק ישראל. כה תאמר לבית יעקב אתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש. ווען די בית יעקב איז אינגאנצען אלע געבונדען אין איינעם, ווי איין מענש זענען זיי כסלע איתן בלב ימים — ווי א שטארקע סקאלא אין מיט׳ן ים, וואס אלע שטורעמס קענען איהר ניט רירען פון ארט. און דער זכות פון איטלעכען ישראל, איז מגין אויף בית־יעקב. אבער ווען עס ווערט קריג צווישען די אידען דאן צופאלט די בית־יעקב, אזוי ווי עס איז בעפאר געווען שטארק. אזוי ווי עס איז געווען ביי קרח ועדתו. דאן קומען די מחבלים ומקטרגים און מאנען איין זייערע חובות . . . ווארום איטליכער מענש האט חטאים ועוונות. פאר דערפאר טארמען ניט ציילען. נאר מיט א מחצית־השקל און מיט דערמיט באצאלען מיר די חובות, וואס מיר זיינען שולדיג צום רבונוש״ע. די שקלים זענען געגאנגען פאר׳ן משכן: אדנים, קרבן תמיד, ענד מנורה. ,,מעולם לא לן אדם בירושלים ובידו עון״ — ווארום

דער קרבן תמיד של שחרית האָט פאַרגעבען די עוונות פון באַדערנאַכט און דער קרבן של הערבים האָט פאַרגעבען די עברות פון ביי טאָג. — נאָכ'ן חורבן בית־המקדש האָט מען פאַרביטען די קרבנות מיט צדקה, און צדקה גיט אריחת ימים. אַזוי ווי די גמרא דערציילט אונז אין (בבא בתרא) בנימין הצדיק איז געווען אויפגענומען אויף קופת הצדקה. איז אַמאָל געקומען צו איהם אַ פרוי און האָט געזאָגט: רבי גיב מיר עסען. זאָגט ער צו איהר: עס איז ניטאָ אין קופת הצדקה גאָרנישט. זאָגט זי צו איהם: ווען דו וועסט מיר ניט געבען וועל איך מיט מיינע זיבען קינדער שטאַרבען פון הונגער.

האָט ער געזעהן, אַז דאָס איז סכנת נפשות, האָט ער געגעבען פון זיינע. אין אַ שטיקעל צייט אַרום איז בנימין הצדיק קראַנק געוואָרען, זיינען געקומען די מלאכי השרת און האָבען גע'טענה'ט פאַר'ן רבונו־ש"ע: בנימין הצדיק וואָס האָט געראַטעוועט פון הונגער אַ פרוי מיט זיבען קינדער, זאָל שטאַרבען אַזוי יונג? האָט מען צוריסען זיין גזר־דין, און ג' האָט איהם גע־געבען 22 יאָהר לעבען.

פרעגט דער ווילנער גאון זצ"ל, וואָרום האָט מען איהם געגעבען צוויי און צוואַנציג יאָהר גלייך? זאָגט ער אַז דער חשבון איז אַ ריכטיקער:

אַ אשה שוטה, אַז זי האָט געזינדיגט, און אויב זי האָט אַ זכות, איז די מים המאררים ווירקט אויף איהר ניט די ערשטע דריי חדשים. זיי הויבען אָן ווירקען נאָך די דריי חדשים. וואָרום דער זכות איז מגין אויף איהר. די גמרא זאָגט אונז אין בבא בתרא: הנותן צדקה מתברך בשש". אַז איינער גיט צדקה, ווערט ער געבענשט מיט זעקס ברכות, והמפיסו בי"א ברכות, און ווען ער בעט איהם איבער, דאָס הייסט ער נעמט איהם פיין אויף, און גיט איהם צדקה בסבר פנים יפות, דאַן ווערט ער געבענשט פון ג' מיט עלף ברכות. און פאַר איטליכען זכות — פאַר איטליכער ברכה האָט מען דריי חדשים לעבען, און המפיסו האָט 33 חדשים לעבען. און בנימין הצדיק איז דאָך דאָ געווען המפיסו, ער האָט אַכט נפשות געהאַדעוועט מיט כבוד, פאַר דעם האָט ער געהאַט דריי און דרייסיג מאָל אַכט חדשים לעבען — צוויי הונדערט מיט פיער און זעכציג חדשים, דאָס איז ריכטיג צוויי און צוואַנציג יאָהר לעבען.

משיח'ס צייטען — ער געהט.

„— מזל — טוב אייך, ליעבע ברידער!
הוליעט אידען. אהן אַ שיעור!
אַלע אַדערען און גלידער זינגען,
פרעהען זיך אין מיר . . .

וואָס מיר עשו, ווער מיר המן,
וואו מיר אַנגסטען, שרעק און לייד;
לויבט און דאַנקט זיין ליבען נאָמען,
זינגט און טאַנצט — משיח געהט!

יאָ, דער אמתער, דער אַלטער
גואל־צדק, אין דער האַנט
נישט קיין פאהן — אַ שופר האַלט ער,
בלאָזט און רופט אין הייליג לאַנד:

„— מלא חדוה, מלא דיצה.
קומט, רב איצע, קומט רב פיצע,
גרייט זיך — צו אין איין מעת־לעת
מיט דעם גאַנצען פאַרגעניגען:
מיט די וויגען, מיט די ציגען,
מיט'ן פסח'דיגען געפעס;
אַלע פיינע, אַלע וואוילע,
פרומע קינדער אויף דער וועלט!" . . .
הילכיג געהט די תקיעה גדולה.
פרעהליך שפּרינגען וואַלד און פעלד . . .
און אַן עק דער סדרה בלק! . . .

ש. פּ.

משיח.

אוי, קינדערלעד ליעבע,
ס'וועט זיין אַזוי שעהן,
משיח וועט קומען
אין גיכען צוגעהן . . .

די אויגען אַזוי ווי
צוויי זונען ביי איהם,
אַ הויכער, אַ ווייסער,
און זילבער די שטים . . ..

„וואַס האָט איהר מיר, קינדער,
צום אויפנאַם געגרייט ?" —
„משיח געטרייער,
מיר האָבען געזייט . . .

מיט איין האַנט צום אַקער,
און איין האַנט צום שווערד,
די אויגען צום הימעל,
די פיס אויף דער ערד.

„און ווער האָט אייך, קינדער,
די בשורה געבראַכט ? —
„משיח געטרייער,
מיר האָבען געוואַכט . . .

און שומרים געהאַלטען
אויף איטליכען וועג:
משיח, משיח
וועט קומען די טעג . . . "

יהואש.

רבי יהודה הלוי.

די אידישע פּאָעזיע אין שפּאַניען האָט דערגרייכט איהר העכסטע מדרגה אין די לידער פון רבי יהודא הלוי. געבאָרען געוואָרען איז ער אין דעם קריסטליכען קאַסטיליען (פון 1142—1086). נאָך אין דער יוגענט האָט ער זיך אַריבערגעצויגען אין דרום, אין אַראַבישען שפּאַניען, וואו ער האָט גע־קראָגען אַ העכערע בילדונג אין די ישיבות פון די בעסטע תלמודיסטען און פילאָזאָפען. ער האָט אויך שטודירט מעדיצין, און שפּעטער ווען ער האָט זיך אומגעקערט אין קאַסטיליען, האָט ער געצויגען זיין חיונה אַלס דאָקטאָר פון היילען קראַנקע. געשטאָרבען איז ער אין ארץ ישראל. רבי יהודא הלוי איז געווען ניט נאָר אַ גרויסער משורר, נאָר אויך אַ טיפער דענקער. דאָס קען מען זעהן פון זיין פילאָזאָפישען ספר „הכוזרי״, וועלכען ער האָט אָנגע־שריבען אין אַראַביש, און וועלכער איז שפּעטער איבערזעצט געוואָרען אין העברעאיש. דעם גרעסטען טייל פון זיין לעבען האָט ער געווידמעט דער פּאָעזיע. דער פילאָזאָפיע און רעליגיעזען דענקען. אַלס פּאָעט שטעהט רבי יהודא הלוי העכער פון אַלע זיינע פאָרגעגנער, אפילו פון רבי גבירול׳ן. אַזוי ווי רבי יהודא אלחריזי שרייבט וועגען איהם: „הוא בא באוצר השיר, ושלל את בית נכתו ויצא וסגר השער אחרי צאתו וכל ההולכים בנתיבותיו לא ישיגו אבק מרכבותיו״. אויך „היינע״ המשורר שרייבט וועגען רבי יהודה הלוי, אַז ער איז געשטאָרבען „בנשיקה״ און דער אָפּקלאַנג פון „גאָטעס״ קוש האָט אָפּגעקלונגען אין זיינע שירים.

רבי יהודא הלוי האָט אויך געמאַכט פאַרשידענע אויסרעכענונגען. אין איינעם פון זיינע שירים ווייזט ער אָן, אַז דאָס יאָהר 1130 וועט זיין דאָס יאָהר פון דער גאולה, ווען די הערשאַפט פון ישמעאל וועט פאַלען.

ווי אַזוי דער סוף זיינער איז געווען, ווען און וואו ער איז געשטאָרבען, ווייסט מען ניט. עס איז פאַרבליבען אַ לעגענדע וואָס דערציילט: אַז אַ רייטער האָט איהם מיט זיין פערד צוטראָטען ווען ער איז געלעגען פאַר־טראַכט אויף דער הייליגער פּאַלעסטינישער ערד און האָט באַוויינט די גע וועזענע היים פון זיין פאָלק. נאָר כאָטש זיין גוף איז פאַרשוואונדען גע־וואָרען איז זיין נאָמען אויף אייביג געבליבען צווישען אידען; יעדען תשעה באב פאַרגיסט מען טייכען טרערען ביים לייענען פון זיינע קלאָגלידער און צווישען די זיסע זכרונות פון פערצייטענס שטעלט זיך יעדען אידען פאַר די אויגען דאָס הייליגע בילד פון ר׳ יהודא הלוי, דער מקור פון ליעבע און טרייקייט צום אידישען פאָלק און צו זיין אמונה. דאָס איז זיינס ליד וואָס איז פאַרבליבען אויף אייביג, איבערגעזעצט פון העברעאיש אויף אידיש דורכ׳ן משורר נ. ביאַליק:

ציון

בענקסט אויך נאך דיינע קינדער, מוטער ציון, ווי זיי, צוזייעטע און צעשפרייטע, בענקען?

ווילסטו אויך, וון זיי דיר, א ליעבען גרוס באקומען?

דא האסטו איהם: א גרוס פון נאהענטע און פון ווייטע!

אין הארצען דורות־לאנג געווארעמט, טראגט איהם פון אלע עקען וועלט, דורך ימים און מדבריות, צו דיר אין שויס אן עלענד קינד דיינס, איינער פון די וואס זאפען אן, ווי טהוי דיין חרמון, די פרעמדע בערג מיט ברענעדיגע טרערען און שטארבען און דער פרעמד פארליבטע און פארבענקטע.

מיך ציהט צו דיר! . . .

בייגאכט אויף דיינע חורבות — בין איך דיין נאכט־אוילע, דיין יאמער־ליד, און חלומ׳ט זיך מיר נאר דיין מארגענשטערען — ווער איך דיין נאכ־טיגאל, דיין קלינגענדע הארפע . . .

מיך ציהט צו דיר! מיין הארץ געהט אויס נאך יענע ערטער, וואו די אבות האבען זיך באגעגענט מיט מלאכים, און וואו די שכינה האט גע־רוהט, וואו דיין באשעפער האט דיינע טויערן די הייליגע געעפענט אנט־קעגען זיינע הימלישע שערים . . .

וואו ניט די זון און ניט די לבנה, שטערען — גאט׳ס עהרע זעלבסט האט דיך באשיינט מיט גלאנץ . . . איך גאר, אז אויסגיסען זאל זיך מיין זעלע דארטען, וואו ס׳פלעגט אמאל גאט׳ס גייסט און גאט׳ס גענאד זיך גיסען אויף דיינע אויסדערוויילטע מוטער ציין!

וואו נעמט מען פליגלען? ! . . . שטיקערווייז וואלט איך מיין הארץ ווייט, ווייט אין דיינע וויסטע בערג פארטראגען.

כ׳וואלט צוגעפאלען צו דיין ערד, כ׳וואלט אויסגעקושט איהר יעדען פוס־טריט, יעדעס שטיינדעלע באזונדער. און אומגעוואנדערט וואלט איך טאג און נאכט א נאקעטער, א בארוועסער אויף דיינע חורבות. כ׳וואלט מיט מיין שטעקען אויסגעמאסטען אלע קברים, מיט דיין נשמה־לופט זיך אנגע־אטעמט, זיך איינגעוויקעלט אין דיין זיסען שטויב און ביז צום בלינד ווערען באוויינט דיין חורבן, ציון . . .

צו קאן דער שיין פאר מיינע אויגען זיס זיין — אז שווארצע ראבען פיקען דיינע אדלערס! צו קאן מען לעבען אויף דער וועלט און צוזעהן, ווי גאסן־הינט שלעפען דיינע טויטע לייבען . . .

גענוג, לאז אפ א ווייַלע, כוס פון טרויער!

מיין הארץ איז איבערפול מיט דיר פארביטערט. כ'האב איינגעזאפט אין זיך דיין שוים פון דיינע הויוועז . . . געגוג! איך וויל איין חלום זעהן און שטארבען . . .

כ'וויל זעהן, א גרויסער גאט, נאר איין שטראל ליכט, נאר איין שטראהל פון יענעם מארגענשטערען וואס דארף, וואס מוז, אמאל נאך הער און ליכטיג זיך אנצינדען אויף ציון'ס הימעל, באגייען און באפרישען זי מיט יוגענד . . .

געגוג, איין זיסען חלום, לאז מיך זעהן נאך, און אויסגעהן מיט א שמייכעל אויף די ליפען . . . (רבי יהודא הלוי, נ. ב.).

* * *

שמו של משיח.

חז"ל זענען פאראינטערעסירט מיט משיח'ן, פארשען אויס זיין נאמען און ערקלערען ווי „משיח" וועט הייסען. דבי ר' שילה זאגען, אז זיי נאמען איז שילה, ווארום עס שטעהט אין פסוק: „עד כי יבוא שילה" — ביז וואנען עס וועט קומען „שילה". — דבי ר' ינאי זאגען „ינון" וועט זיין נאמען זיין, ווארום דער פסוק זאגט, „לפני שמש „ינון" שמו" — זיין נאמען וועט אויף אייביג הערשען, אזוי ווי די זון איז, וועט זיין בערוף זיין — אלע וועלען זיך מיט אים בענטשען. פעלקער וועלען איהם גליק ווינשען. דבי ר' חנינא זאגען „חנינא" איז זיין נאמען, און אנדערע זאגען „מנחם" איז זיין נאמען, און אלע נעמען האבען איין באדייטונג, אז ער וועט העלפען איטליכען מענשען.

אין ר"ת: „משיח": מ־מנחם — טרייסט; ש־שילה (כי יביאו עמים שי לו — עס וועלען ברענגען פעלקער צו איהם מתנות), י־ינון — הער־שאפט, ח־חנינא — ליבשאפט; — די אלע נעמען בר"ת איז דאס ווארט „משיח" — מיט איין ווארט „משיח" וועט זיין א מאן פון קראפט, וואס וועט הערשען מיט מאכט, מיט גרויסען גייסט פון ג' גנאד, מיט ריינעם הארץ, מיט אייזען־רוט און העלדישען פארשטאנד. (סנהדרין צ"ח).

* * *

דער משיח אידעאל פון די גדולים

(רש"י, רבי יהודא הלוי, רמב"ם, רמב"ן).

רש"י, רבי שלמה יצחק, האט געלעבט פון (1040—1105) אין דער יוגענט האט רש"י געלערענט תלמוד אין די ישיבות פון די „חכמי לותרניה". אזוי ווי דער פארצייטיגער תנא רבי עקיבא, האט רש"י שוין נאך דער

חתונה פארלאזען זיין פאמיליע און האט זיך געוואגלט פון שטאדט צו שטאדט צו הערען גאט׳ס ווארט פון די ליפען פון גרויסע לעהרער. און אזוי ווי דער תנא חנינא בן דוסא, האט זיך מסתפק געווען בקו חרובין מערב שבת לערב שבת, אזוי האט זיך רש״י אויך זיך געפלאגט. „איך האב געארבייט — דערצעהלט רש״י — אונטער די השגחה פון מיינע לעהרער, אין א צייט ווען איך האב ניט געהאט קיין ברויט, קיין קליידער און האב געהאט אויף מיינע פלייצעס דעם יאך פון הויז געזינד״.

רש״י איז באשערט געווען איבערצולעבען די שרעקליכע יאהרען פון דעם ערשטען קרייצונג. די אידישע צרות אין זיין פיוט: „תנות צרות לא נוכל״ — קענען מיר ניט אויסדערצעהלען די צרות, וואס מיר האבען געהאט אלע טאג ברעכעניש און זיפצען. און ז. וו״. דאס ווערט געזאגט נאך דער „עבודה״ פון יום כפור.

ער האט געמאכט א פארזוך אויסצורעכענען דעם „קץ״ און אין זיין פירוש אויף די משיחישע פסוקים פון דניאל, רעכענט ער אויס, אז דאס יאהר 1352, וועט זיין דאס יאהר פון דער גאולה. אין זיין פירוש צו סנהדרין (דף צ״ז) ברייגנט ער אין נאמען פון זיין רבי׳ן, רב שמואל בן דוד, אן אויסרע־כענונג, אז דאס יאהר 1478, איז דאס משיח יאהר.

א באמערקונג מוזען מיר מאכען, אז די אידישע חכמים, צו וועמען די אויגען פון אידען, איבער דער גאנצער וועלט זענען געווען געווענדעט, האבען געמוזט זוכען א ווארט פון טרייסט צו שטארקען די האפענונגען, כאטש זיי אליין זענען געווען אומצופרידען מיט די משיח׳שע אויסרעכענונגען.

* * *

רמב״ם — רבי משה בן מימון.

(חי מן 1135—1204)

הענק הגדול רמב״ם אשר בצדק אמרו עליו: ממשה (רבנו בן עמרם) עד משה (בן מימון) לא קם כמשה״ — כתב גם כן אודות הגאולה:

אין דער „אגרת תימן״ (הוצאת האלוב, זייט 45), שרייבט דער רמב״ם: „די פינקטליכע צייט ווייסען מיר ניט זיכער. אבער איך האב א וואונדערבארע קבלה, וואס איך האב איבערגענומען פון מיין פאטער און זיידען און זיי האבען איבערגענומען פון זייערע עלטערען, ביז דער אנפאנג פון אונזער גלות, און דאס איז, אז אין פסוק פון בלעם (במדבר כ״ג), „כעת יאמר ליעקב ולישראל, מה פעל אל״ — „יעצט וועט געזאגט ווערען צו יעקב׳ן און ישראל׳ן, וואס גאט האט געטאן — איז פאראן דער סוד פון דער אויסלייזונג.

דער רמב״ם מאכט דאן אן אויסרעכענונג, אז פון דעם טאג וואס דער פסוק איז געזאגט געווארען ביז צו דער גאולה, זיינען פאראן אזוי פיל יאהרען, ווי פון דעם טאג וואס די וועלט איז באשאפען געווארען, ביז צו דעם טאג וואס דער פסוק איז געזאגט געווארען. און אזוי ארום קומט אויס אז משיח וועט קומען אין דעם יאהר 1216.

אויף יענער צייט, ווען משיח וועט קומען, זאגט דער רמב״ם (פרק ב׳ הלכות מלכים), אז: „דעמאלט וועט ניט זיין קיין שווערד, עס וועלען ניט זיין קיין מלחמות, עס וועט ניט זיין קיין קנאה און קאנקורענץ: די שפע וועט זיין גרויס פאר אלעמען גלייך. אלע פארגעניגענס פון לעבען וועלען זיין צוגענגליך, פאר יעדען איינעם, ביליג און פיל, ווי זאמד אין ערד און די מענשהייט וועט זיך באשעפטיגען מיט איין זאך: צו דערקענען די גאט־הייט און צו שטודירען זי״. —

* * *

רמב״ן — ר׳ משה בן נחמן.

דער רמב״ן, אדער ווי ער הייסט אויך נחמני (1195—1270), איז געווען איינער פון די גרעסטע אידישע דענקער פון 13־טען יאהרהונדערט. אויסער תלמוד און די רבנישע ליטעראטור, האט דער רמב״ן באזעסען אויך א הויכע וועלטליכע בילדונג, האט געלערנט דאקטאריע, און האט געקענט גוט שפאניש און אראביש.

אין זיין „ספר הגאולה״, וואס איז אפגעדרוקט געווארען אין לאנדאן, אין דעם יאהר 1909, זוכט דער רמב״ן צו באווייזען, אז דאס יאהר 1358 וועט זיין דאס יאהר פון אידישער אויסלייזונג. אנדערע פאר איהם האבען שוין אויך אנגעוויזען אויף דעם יאהר. די אויסרעכענונג איז לויט די פסוקים פון דניאל. דעם רמב״נס ראיות זיינען אבער שטארק איבערצייגענד און זיי האבען געהאט א גרויסע ווירקונג אין זיין דור.

דיזען רב, וועלכען די אידען האבען געהאלטען פאר א הייליגען, האט דער אראגאנישער קעניג גערופען צו א דיספיוט אין בארצעלאנע מיט די דאמיניקאנער אין דעם יאהר 1263. זיין געגנער איז געווען דער גלח פויליס קריסטיאני, א משומד. די וכוחים האבען געדויערט פיר טעג, אין קעניגליכען הויף, אין דער אנוועזענהייט פון דעם קעניג. די הויפטלייט, בעאמטע פון די קירכע, ריטער און מענשען פון אנדערע פעלקער. די וכוחים האבען זיך גע־דרעהט ארום פאלגענדע פראגען: 1) איז שוין משיח געקומען, אדער ער דארף ערשט קומען? 2) איז משיח ג׳ אדער א מענש? 3) וועמעס גלויבען איז דער ריכטיגער? — פויליס קריסטיאני, האט זיך געשטיצט אויף פסו־קים פון תנ״ך און אויף שטעלען פון תלמוד צו דערווייזען, אז די קריסטליכע אמונה איז די אמת׳ע. דער רמב״ן האט באוויזען, אז משיח איז נאך ניט געקומען, ווארום לויט די ווערטער פון די נביאים דארף משיח ברענגען פרידען אויף דער וועלט און זיין קומען דארף מאכען א סוף צו אלע מלחמות,

אבער איצט הערשט נאך איבעראל געוואלט און עס גיסט זיך בלוט אין אומאויפהערליכע מלחמות צווישען די פעלקער. דער רמב״ן האט זיך מוטיג און ענטשלאסען אפגעשלאגען די באווייזע פון זיין געגנער. ער האט געזיגט. אבער די שונאי ישראל, האבען אים גערודפט, און ער האט פארלאזען שפאניע און באזעצט זיך אין ארץ ישראל.

* * *

ראטשילד וויל פארקערט.

אמאל האט היטלער געשיקט שאכט׳ן צו באראן ראטשילד וועגען אן הלואה. ראטשילד האט גלייך געפרעגט, וואס פאר א גאראנטיע קאן דייטש־לאנד געבען, דארויף האט שאכט אזוי געענטפערט:

— מיר האבען אין די בערג פיל גאלד, זילבער, קופער און אנדערע מינעראלען.

— ראטשילד: און וואס האט איהר אויף דער ערד ?

שאכט: ווייס איהר ניט הער באראן, וואס מיר האבען ?

מיר האבען היטלער׳ן געבעלס׳ן און סטרייכער׳ן.

— ראטשילד: יא, איך וואלט אייך געבען אן הלואה, נאר מיט איין באדינג: אז דאס וואס איהר האט אויף דער ערד, זאל זיין אין דער ערד . . .

די דעקלאַראַציע וועגען גרינדונג פון מדינת ישראל

די דעקלאַראַציע פון מדינת ישראל.

(אידישע איבערזעצונג).

דאָס אידישע פאָלק איז אויפגעקומען אין ארץ ישראל; אין איר איז עס געשטאַלטיגט געוואָרען גייסטיג, רעליגיעז און פאָליטיש; אין איר האָט עס געלעבט אַ ווירדיג מלוכה־לעבען; אין איר האָט עס געשאַפען נאַציאָנאַל־גייסטיגע און אַלע־מענשליכע ווערטען, און געגעבען דער גאַנצער וועלט דאָס אייביגע ספר הספרים (דעם תנ״ך).

נאָכדעם ווי דאָס אידישע פאָלק איז מיט געוואַלד פאַרטריבען געוואָרען פונ׳ם אייגענעם לאַנד, איז עס טריי געבליבען דעם לאַנד, אין אַלע מדינות פון גלות פאַרשפּרייטונג, און עס האָט ניט אויפגעהערט תפילה צו טאָהן און צו האָפען זיך אומצוקערען אַ היים און צו באַנייען דאָרט די פּאָליטישע פרייהייט.

דורך דער דאָזיגער היסטאָרישער און טראַדיציאָנעלער פאַרבינדונג האָבען די אידען אין יעדען דור געשטרעבט זיך אומצוקערען און זיך פאַר פונ־דעוועגן אין דעם היסטאָרישען היימלאַנד; און אין די לעצטע דורות האָבען זיי זיך אומגעקערט צו זייער לאַנד מאַסענוויי: און חלוצים, העלדישע וואַנדערערס און קעמפערס האָבען געמאַכט אויפבליען וויסטענישען. אויפגעלעבט זייער העברעאישע שפּראַך, אויפגעבויט דערפער און שטעט און אויפגעשטעלט אַ ישוב, וואָס וואַקסט אַנטוויקעלט זיך, געוועלטיגט איבער זיין ווירטשאַפט און קולטור, זוכט שלום און באַשיצט זיך צוגלייך, ברענגט די ברכה פון פּראָגרעס צו אַלע איינוואוינער פון לאַנד און איז באַזעלט מיט דער שטרע־בונג צו מלוכה׳שער זעלבסטענדיגקייט.

אין יאָהר תרנ״ז (1897) איז זיך צונויפגעקומען דער ציוניסטישער קאָנגרעס, אויפ׳ן רוף פון דעם שאַפער פונ׳ם אידישען מדינה־געדאַנק, טעאָדאָר הערצל, און פּראָקלאַמירט דאָס רעכט פון אידישען פאָלק צו נאַציאָנאַלען אויפקום אין אייגענעם לאַנד.

דאָס דאָזיגע רעכט איז אָנערקענט געוואָרען אין דער באַלפור־דעקלאַ־ראַציע פון 2־טען נאָוועמבער, 1917, און איז באַשטעטיגט געוואָרען דורכ׳ן מאַנדאַט פון פעלקער־בונד, וואָס האָט באַזונדערס געגעבען אינטערנאַציאָנאַלע באַקרעפטיגונג צום היסטאָרישען בונד צווישען אידישען פאָלק און ארץ ישראל, און צום רעכט פון אידישען פאָלק אויפצושטעלען פונדאַסניי די אייגענע נאַציאָנאַלע היים.

דער שטורעם וואָס האָט זיך צעבושעוועט איבער׳ן פאָלק ישראל אין דער לעצטער צייט, וואָס אין איר זענען מיליאָנען אידען אין אייראָפּע אויס־געקוילעט געוואָרען האָט פונדאַסניי קלאָר באַוויזען די נויטיגקייט צו לייזען דאָס פּראָבלעם פון אידישען פאָלק, וואָס האָט ניט קיין אייגען לאַנד און זעלבסטשטענדיגקייט. דורך באַנייען אין ארץ ישראל די אידישע מדינה, וואָס זאָל ברייט עפענען אירע טויערען פאַר איטליכען איד און זי זאָל געבען דעם אידישען פאָלק דעם שטאַנד פון גלייכבאַרעכטיגטער נאַציע אין דער משפּחה פון פעלקער.

די שארית הפליטה, וואָס איז ניצול געוואָרען פון דער שוידערליכער נאַצי־שחיטה אין איראָפּע, און די אידען פון אַנדערע לענדער, האָבען ניט אויפגעהערט אַריינצוקומען קיין ארץ ישראל, ניט געקוקט אויף יעדער שוועריגקייט, שטערונג אָדער געפאַר, און זיי האָבען ניט אויפגעהערט צו מאָנען דאָס רעכט אויף אַ לעבען פון כבוד, פרייהייט און ערליכער פּראָצע אין היימלאַנד פון זייער פאָלק.

אין דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דער אידישער ישוב אין לאַנד בייגעטראָגען זיין פולען חלק צום גוראַנגעל פון די פרייהייט — און פרידענ־שטרעבענדיגע פעלקער קעגען די רשעות׳דיגע כוחות פון די נאַציס; און דורכ׳ן בלוט פון זיינע סאָלדאַטען און דורך זיין קריגס־אָנשטרענגונג, האָט ער זיך איינגעשאַפען דאָס רעכט געציילט צו ווערען צווישען די פעלקער, וואָס האָבען געגרינדעט די פאַראייניגטע פעלקער־אָרגאַניזאַציע.

דעם 22־טען נאָוועמבער, 1947, האָט די אַסעמבלי פון די פאַר־אייניגטע פעלקער אָנגענומען דעם באַשלוס, וואָס פאַרפליכטעט דאָס אויפ־שטעלען אַ אידישע מדינה אין ארץ ישראל; די אַסעמבלי האָט אויפגעפאָ־דערט די איינוואוינער פון ארץ ישראל אַליין אָנצונעמען די געהעריגע שריט צו פאַרווירקליכען די רעזאָלוציע. די אָנערקענונג מצד די פאַראייניגטע פעלקער בנוגע דעם רעכט פון אידישען פאָלק צו עטאַבלירען די אייגענע מדינה, קען ניט צוריקגעצויגען ווערען.

דאָס איז דאָס נאַטירליכע רעכט פון אידישען פאָלק, ווי פון יעדען אַנדער פאָלק, וואָס איז זעלבסטשטענדיג אין דער אייגענער, אומאָפּהענגיגער מדינה.

דערפאַר האָבן מיר זיך פאַרזאַמעלט, — מיר, די מיטגלידער פון פאָלקס־ראַט, די פאָרשטייערס פון אידישען ישוב און פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג, — אינ'ם טאָג ווען עס ענדיגט זיך דער בריטישער מאַנדאַט אויף ארץ ישראל; און מיט דער קראַפט פון אונזער נאַטירליך און היסטאָריש רעכט, און אויפ'ן גרונד פון דעם באַשלוס פון דער אַסעמבלי פון דער פאַר־אייניגטער פעלקער־אָרגאַניזאַציע, פּראָקלאַמירען מיר דורכדעם דעם אויפשטעל פון אַ אידישער מדינה, וואָס איז מדינת ישראל.

מיר שטעלען פעסט, אַז אָנגעהויבען מיט'ן מאָמענט ווען עס ענדיגט זיך דער מאַנדאַט ו' אייר, תש"ח, דעם 15־טען מאַי, 1948, ביז דעם אויפ־שטעלען די דערוויילטע און שטענדיגע רעגירענדיגע אינסטאַנצען, אין איינ־קלאַנג מיט דער קאָנסטיטוציע, וואָס וועט באַשטעטיגט ווערען דורך דער דערוויילטער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, ניט שפּעטער פון 1־טען אָקטאָבער, 1948, וועט פונקציאָנירען דער נאַציאָנאַלער ראַט ווי אַ צייטווייליגער רע־גירונגס־ראַט, און זיין אויספיר־אָרגאַן, די פאָלקסלייטונג, וועט מיט זיך פאָרשטעלען די צייטווייליגע רעגירונג פון דער אידישער מדינה, וואָס וועט גערופען ווערען מיט'ן נאָמען „ישראל".

מדינת ישראל וועט זיין אָפען פאַר אידישער איינוואַנדערונג און פאַר קיבוץ־גליות; זי וועט זיך ווידמענען דער אַנטוויקלונג פון לאַנד, לטובת אַלע אירע באַוואוינער; זי וועט זיין באַזירט אויף די פונדאַמענטען פון פרייהייט, גערעכטיגקייט און פרידען, אין ליכט פון די זעאונגען פון די אידישע נביאים; זי וועט דורכפירען פולשטענדיגע געזעלטשאַפטליכע און פּאָליטישע גלייכ־באַרעכטיגונג, פאַר אַלע אירע בירגער, אָהן חילוק פון רעליגיע, אָפּשטאַם און געשלעכט; זי וועט פאַרזיכערען די פרייהייט פון גלויבען, געוויסען, שפּראַך, דערציאונג און קולטור; זי וועט אָפּהיטען די הייליגע ערטער פון אַלע רע־ליגיעס און זיין געטריי די פּרינציפּען פונ'ם טשאַרטער פון די פאַראייניגטע פעלקער.

מדינת ישראל וועט זיין גרייט צו קאָאָפּערירען מיט די אינסטאַנצען און פאָרשטייערס פון די פאַראייניגטע פעלקער כדי צו פאַרווירקליכען דעם אַסעמבלי־באַשלוס פון 29־טען נאָוועמבער, 1947, און זי וועט אַרבייטען פאַר'ן אויפשטעל פון דער עקאָנאָמישער אייניגקייט פון ארץ ישראל אין איר גאַנצקייט.

מיר רופען די פאַראייניגטע פעלקער מיטצוהעלפען דעם אידישען פאָלק אין דעם אויפבוי פון זיין מדינה און אריינצונעמען מדינת ישראל, אין די פעלקער־משפחה.

מיר רופען — אפילו בעת דעם בלוטיגען אַנגריף, וואָס ווערט אָנגע־פירט קעגען אונז זינט חדשים — די קינדער פון אַראַבישען פאָלק, איינוואוי־

נערס פון מדינת ישראל אנצוהאַלטען פרידען און זיך צו באַטייליגען אין אויפבוי פונ׳ם לאַנד, אויפ׳ן באַזיס פון פולער און גלייכער בירגערשאַפט, און אויפ׳ן גרונד פון געהעריגער פאַרשטייערשאַפט אין אַלע אירע אינסטי־טוציעס, די צייטווייליגע און די פערמאַנענטע.

מיר שטרעקען אויס די האַנט פון שלום און גוטער שכנה׳שאַפט צו אַלע שכנה׳שע לענדער און זייערע פעלקער, און מיר רופען זיי צו בשותפות׳־דיגער אַרבייט און קעגנזייטיגער הילף, מיט׳ן אומאָפּהענגיגען אידישען פאָלק אין זיין לאַנד. מדינת ישראל איז גרייט בייצוטראָגען איר חלק אין דער בשותפות׳דיגער אַנשטרענגונג פאַר׳ן פּראָגרעס פון גאַנצען מיטעל־מזרח.

מיר רופען דאָס אידישע פאָלק אין אַלע ערטער פון זיין פאַרשפּרייטונג צו פאַראייניגען זיך אַרום דעם ישוב אין אימיגראַציע און אויפבוי, און צו שטעלען זיך ביי זיין זייט אין דעם גרויסען קאַמף פאַר די פאַרווירקליכונג פון דורות — לאַנגער שטרעבונג צו אידישער גאולה.

מיט בטחון אין גאָט פון ישראל חתמ׳ענען מיר זיך אייגענהענטיג ווי עדות אויף דער דאָזיגער דעקלאַראַציע, — אויף דער זיצונג פון צייטווייליגען רעגירונגס־ראַט, אויף דער ערד פון פאַטערלאַנד, אין דער שטאָט תל־אביב, היינט, ערב שבת, ה׳ אייר, תש״ח, דעם 14־טען מאַי, 1948.

א ו נ ט ע ר ג ע ש ר י ב ע ן:

דוד בן־גוריון, דניאל אוסטר מרדכי בנטוב, יצחק בן־צבי, אליהו ברלין, פּרץ בראַנשטיין, הרב וולף גולד, מאיר גרובובסקי, יצחק גרינ־בוים, ד״ר אברהם גרנובסקי, אֱליהו דובקין, מאיר וילנר־קובנר, זרח ורהפטיג, הרצל ורדי, רחל כהן, הרב קלמן כהנא, סעדיה כובאשי, הרב יצחק מאיר לוין, מאיר דוד לוינשטיין, צבי לוריא, גולדה מאירסון, נחום ניר, צבי סגל, הרב יהודא ליב הכהן פישמאַן, דוד צבי פּוקס, אהרן ציזלינג, משה קולודני, אֱליעזר קפלן, אברהם קצנלסון, פליכס רוזנבליט, דוד רמז, ברל רפטור, מרדכי שטנר, בן ־ ציון שטרנברג, בכור שיטרית, משה שפּירא, משה שרתוק.

LIBRARY, TORONTO